בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קודש

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

סעודה שלישית

## תזריע תשי"ט

**זָכָה אוֹמְרִים לוֹ אַתָּה קָדַמְתָּ לְכָל מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית**

• ביאור המדרש: ישראל נתייראו מפרשת נגעים, אמר להם הקב"ה אלו לאומות העולם, אבל אתם לאכול ולשתות ולשמוח • באר מים חיים: ענין ההתפכות מ'נֶגַע' ל'עֹנֶג', וקישור וסמיכת פרשת נגעים לפרשת היולדת • שַׁבָּת הוא יום המסוגל להפוך נֶגַע לעֹנֶג • הנפש הוא רוחני, והגוף הוא גשמי שבא מן אדמה. אבל יכולין להעלות גם הגוף, או ח"ו להיפוך • בענין וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ, זה כלל גדול בתורה • האדם לֹא נִבְרָא אֶלָּא לְשַׁבֵּר אֶת הַטֶּבַע • הצדיק גם גופו מזדכך להיות רוחני, רואה בלא העין ושומע בלא האוזן • בתוספות: נדרים ונדבות אין קרבין ביום טוב, אף שיש בהם חלק לבעלים, לפי שהכל נטפל לחלק הגבוה שהוא העיקר • סימני טומאה וטהרה ישתנו לעתיד, וכמו ענין החזיר והאריה, וברמב"ן נראה שיתהפך טבעם להיות טהורים •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשפ"ד לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י **מערכת לשון קדשו**

**כל הזכיות שמורות ואיסור השגת גבול ידוע** © Copyright

צו מנדב זיין רופט: **1-718-388-5519** | דורך קרעדיט קארד: **845-366-2793 #1700**



**לשון קדשו:**
**929-522-1515**
ארץ ישראל: **072-3275205**
ענגלאנד: **0330-350-3110**
פעקס: **718-650-2970**
דרוק **1** דערנאך **296** פאר די **רעקארדינג** פון די וואך. פאר הערות דרוק **3**

**קול אוצר יהודא**
ברוקלין: **718-298-4641**
ארץ ישראל: **072-3333419**
**16→3→419**

# • ברכת מזל טוב •

הר״ר **יחזקאל דוד בערקאוויטש** הי״ו
לנישואי בתו - עב״ג החתן **עזריאל** נ״י
בן הר״ר **משה גוטמאן** הי״ו

הר״ר **דוד אהרן יאקאבאוויטש** הי״ו
לאירוסי בנו החתן **צבי** נ״י - עב״ג
בת הר״ר **משה מנחם דאסקאל** הי״ו

הר״ר **חיים הערש קויפמאן** הי״ו
לאירוסי בנו החתן **שלמה אהרן** נ״י - עב״ג בת
הר״ר **יקותיאל הלל שפיטצער** הי״ו

זכות וברכת רביה״ק זי״ע יחול על ראשם, ויעזור השי״ת שיזכו לרוות רב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם בשפע רב עד בלי די

# • וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן •

הגאון הצדיק המפורסם חו״פ, הרביץ תורה במשך יובל שנים,
בורח מן הכבוד, והעמיד תלמידים הרבה
רבי **צבי הירש** זצ״ל **מייזליש**
אבד״ק ור״מ **שאפראן** - מח״ס "בנין הישר"
תלמיד מובהק וחביב של רביה״ק זי״ע, אשר זכה לקירבה יתירה אצלו,
ומינהו לכתוב חידושי תורתו בסוגיות הש״ס
בן הגה״צ ר׳ **חיים** זצ״ל, אב״ד סארוואש - נפטר י״א ניסן תש״פ

הרה״ח המופלג, ירא ושלם, יומם ולילה שקד בתורה,
תפלתו בלב נשבר, עניו ושפל ברך בעל מדות ומאריך
אפים, דבק בצדיקי הדור, והתנהג במוסר וחסידות
רבי **חיים ישעי׳ אשר** ז״ל
**מענדלאוויטש** ב״ר יוסף ז״ל
מחבר ספר יְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ - נפטר י״ג ניסן תשמ״ח

הגה״צ איש חסיד, חפץ חסד, והיה משמח לבבות נשברות,
שפתותיו נטפו דברי אמונה, מספרי הצדיקים ומקבלת
אבותיו, דבק נפשו מנעוריו לרבינו זי״ע בדרכו ובדברי תורתו
הרב **אברהם משה** זצ״ל **קרויס**
אב״ד שפתי חן טאפאלטשאן
בן הגה״צ ר׳ **שמואל** זצ״ל - מח״ס שפתי חן
נפטר ט׳ ניסן תש״פ

הרה״ח השכים והעריב לעסוק בתורה ובתפלה, לב טוב,
הרבה בצדקה וחסד במתן בסתר, ובפרט לעניי ארה״ק
ולרבנן, מתלמידי רביה״ק זי״ע דבוק ומקושר אליו
רבי **מרדכי משה ספרא** ז״ל
ב״ר יחזקאל שרגא ז״ל **שפילמאן**
נפטר ה׳ ניסן תש״פ

הרבני החסיד המופלג, יראתו קודמת לחכמתו, לב טוב ובעל מדות,
דבוק בדרכי הצדיקים ובמסורת אבות, עשה תורתו קבע ויגע בסוגיות
הש״ס, ונפשו קשורה בתורת רביה״ק זי״ע
רבי **ישראל** ז״ל **זילבערשטיין**
בן הגה״צ ר׳ **שמעון** זצ״ל (דומ״ץ בק״ק פעסט)
נפטר ז׳ ניסן תש״פ

קרן **חיה רויזא**
לע״נ הרבנית הצדיקת **חיה רויזא טייטלבוים** ע״ה
בת כ״ק מרן רביה״ק זצוק״ל

הרה״ח רבי
**משה אפרים**
ב״ר **ארי׳** ז״ל
**הערשקאוויטש**

הרה״ח רבי **אברהם חיים** ב״ר
**יקותיאל פנחס הכהן** ז״ל
**פילאף** - ח׳ ניסן תשנ״א

KolSatmar.com

א

# קושיות ודקדוקים בתחילת הפרשה

**דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ וְיָלְדָה זָכָר, וְטָמְאָה שִׁבְעַת יָמִים, כִּימֵי נִדַּת דְּוֹתָהּ תִּטְמָא.**

ב

**קושיא א**

במדרש: הה"ד אָחוֹר וָקֶדֶם צַרְתָּנִי, זכה אומרים לו אתה קדמת לכל מעשה בראשית. לא זכה, אומרים לו יתוש קדמך.
וצ"ב הכוונה, דאם באמת האדם נברא בסוף מעשה בראשית, האיך שייך לומר שהוא קודם לכל מעשה בראשית, באם זכה

דער מדרש זאָגט, ס'שטייט אין מדרש רבה[א], זה שאמר הכתוב (תהלים קלט, ה) **אָחוֹר וָקֶדֶם צַרְתָּנִי. זָכָה, אוֹמְרִים לוֹ אַתָּה קָדַמְתָּ לְכָל מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית. לֹא זָכָה, אוֹמְרִים לוֹ יַתּוּשׁ קְדָמְךָ.**

ג

א) לכאורה, מֵילָא אין פַּשְׁטוּת איז נישט צו פאַרשטיין וואָס עפּעס זָכָה 'זאָגט מען' אים [אתה קדמת, ובלא זכה לא]? ממה נפשך [האיך היא באמת], אָדער איז מען פריער, אָדער איז מען שפּעטער. נו אַז [ס'איז] זָכָה קאָן מען אים זאָגן דו ביסט פריער, ווי קאָן מען עפּעס, אַז לֹא זָכָה זאָגט מען אים יַתּוּשׁ קְדָמוֹ.

ד

**אופן ראשון בישוב קושיא א**

ובפשטות יש לומר על פי שביאר בעוללות אפרים במה שאמרו בפסוק וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ, דזה כלל גדול בתורה.
כי עיקר קיום התורה תלוי במה שידע האדם שהעיקר היא הנפש ולא הגוף, וכן מצות אהבת רעים הוא מצד
הנפשות ששם מתאחדים כל ישראל, ששורשן אחד הוא, מה שאין כן מצד הגופים שהם מתחלקים

מֵילָא פָּשׁוּט איז דאָך [מה שיש לבאר בדברי המדרש. דהנה] ס'שטייט דאָך אין **עוללות אפרים**[ב] [על מאמרם בפסוק] (קדושים יט, יח) **וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ, זֶה כְּלַל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה**[ג]. פאַרוואָס, ווייל דער קִיּוּם הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה איז תָּלוּי אין דעם, [אַז] מ'זאָל וויסן אַז דער עִיקָּר איז דאָס נֶפֶשׁ, נישט דער גוּף.

אַלע עִנְיָנִים פון קִיּוּם הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת, איז תָּלוּי אַז מ'גייט נאָך דעם נֶפֶשׁ, די נְשָׁמָה. ווידעראום דאָס גַּשְׁמִיּוּת, און די עֲבֵרוֹת, איז דאָך אַלעס צָרְכֵי הַגּוּף.

ה

ווידעראום וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ איז אויך אין דעם גיוועגדט, וואָרן [מצד] די נְפָשׁוֹת זענען דאָך אַלע אידן איינס, [שנשמת כל איש ישראל הוא] אַ חֵלֶק אֱלוֹקַ מִמַּעַל, [וכולם הם כמו] נֶפֶשׁ אַחַת. נאָר די גוּפִים זענען מִתְחַלְּקוֹת.

איבערדעם איז וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ, [אַז] מ'דאַרף צו וויסן אַז דער עִיקָּר איז דאָס נֶפֶשׁ, [וואָס] דאָרט איז נישט קיין הִתְחַלְּקוּת, ממילא זֶה כְּלַל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה, [ווייל] אין דעם איז תָּלוּי דער גאַנצער קִיּוּם הַתּוֹרָה.

אַזוי זאָגט דער עוללות אפרים.

---

[א] בויקרא רבה (יד, א): אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ, הדא הוא דכתיב אָחוֹר וָקֶדֶם צַרְתָּנִי וכו'. אם זכה אדם, אומרים לו אתה קדמת לכל מעשה בראשית. ואם לאו, אומרים לו יתוש קדמך, שלשול קדמך. [וכעין זה הוא בבראשית רבה (ח, א) המובא להלן בהערה ד].

[ב] בעוללות אפרים (לבעל כלי יקר, מאמר כב-כג), עיי"ש שהאריך מאוד בענין זה. [ועיין בכלי יקר פרשת שמיני (ט, ג) מה שציין לדבריו שם].

[ג] בתורת כהנים (קדושים פ"ד, יב): וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ, רבי עקיבא אומר זה כלל גדול בתורה.

KolSatmar.com

ו

והנה מצד הנפש האדם מוקדם לכל מעשה בראשית, שהרוחות והנשמות כבר נבראו מתחילה, ורק הגופים נבראו לבסוף

**היצט לאָמיר׳זשע זען. אַ איד, אַז מ׳גייט נאָך נאָכ׳ן נֶפֶש,** [הרי] **די נְפָשׁוֹת יִשְׂרָאֵל זענען דאָך געווען** [באַשאַפן שוין פון] **פריער׳ער,** [וכדכתיב] (בראשית א, ב) **וְרוּחַ אֱלֹקִים מְרַחֶפֶת, ווי דער מדרש זאָגט**[ד] **דאָס איז נאָך געווען ׳פאַר׳ בְּרִיאַת הָעוֹלָם, רוּחַ אֱלֹקִים זֶה נִשְׁמָתוֹ פון אָדָם הָרִאשׁוֹן, און פון מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ.**

**די נְשָׁמוֹת זענען דאָך פריער פון אַלעמען געווען, נאָר די גוּפִים, דער גוּף איז באַשאַפן געוואָרן צום סוֹף** [ביום הששי].

ז

ולכן במי שזכה, הרי זה רק בשביל ששם לב אל הנפש ולא אל הגוף, ומצד הנפש שפיר אומרים אַתָּה קִדַּמְתָּ לְכָל מַעֲשֵׂי בְּרֵאשִׁית. מה שאין כן באם לא זכה והלך אחר הגוף, הרי אף יתוש קדמו

**און אַז ס׳איז זָכָה, גייט ער דעך דאָך נאָך נאָכ׳ן נֶפֶש, ממילא איז אַתָּה קִדַּמְתָּ לְכָל מַעֲשֵׂי בְּרֵאשִׁית,** [שהרי] **די נְפָשׁוֹת זענען געווען פריער.**

**אָבער אַז לֹא זָכָה, ער גייט נאָך נאָכ׳ן גוּף, און דער גוּף איז באַשאַפן געוואָרן צושפּעטסטנס** [לאחר שאר כל מעשה בראשית], **זאָגט מען יַתּוּשׁ קְדָמְךָ.**

**אַזוי איז דאָס פַּשְׁטוּת** [המכוון בדברי המדרש].

ח

**סיום קושיא א**

אבל יש להוסיף עוד ביאור בזה, האיך תלוי הקדימה למעשה בראשית, באם זכה במעשיו מצד הנפש

**נאָר מ׳קען ׳נאָך׳ פאַרשטיין, מ׳קאָן נאָך זאָגן אין דעם.**

ט

**קושיא ב**

ועוד צריך לבאר האיך שייך דרשה זו שבמדרש, לענין הפרשה דמיירי בטומאת לידה וטהרת ימי טוהר

**ב)** [וגם צריך ליישב מה דקשה עוד] **לְעוֹלָם וואו דאָס קומט אַהער, צו אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ.**

י

**הקדמה לקושיא ג-ד**

במדרש וברש״י: כְּשֵׁם שֶׁיְּצִירָתוֹ של אדם אַחַר כָּל בְּהֵמָה וְחַיָּה, כָּךְ תּוֹרָתוֹ מִתְפָּרֶשֶׁת [בפרשת תזריע ומצורע] אַחַר תּוֹרַת בְּהֵמָה וְחַיָּה [שבפרשת שמיני]

**דער מדרש זאָגט, ס׳איז אויך אין מדרש רבה**[ה] **דאָ אויפן אָרט**[ו], **כְּשֵׁם שֶׁיְּצִירָתוֹ** [של אדם] **אַחַר כָּל בְּהֵמָה וְחַיָּה, כַּךְ תּוֹרָתוֹ מִתְפָּרֶשֶׁת אַחַר כָּל בְּהֵמָה וְחַיָּה.**

[ווייל] **פריער איז געשטאַנען אין פרשת שמיני** (פרק יא) **די דִּינֵי הֲלָכוֹת פון די עוֹפוֹת, פון בְּהֵמוֹת וְחַיּוֹת וְעוֹפוֹת טְמֵאוֹת, לְהַבְדִּיל בֵּין הַטָּמֵא וּבֵין הַטָּהֹר** (שם, מז), **און דערנאָך איז וסמיך ליה אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ.**

---

[ד] **בבראשית רבה** (ח, א): **וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים נַעֲשֶׂה אָדָם בְּצַלְמֵנוּ כִּדְמוּתֵנוּ** (בראשית א, כו). **רבי יוחנן פתח, אָחוֹר וָקֶדֶם צַרְתָּנִי וכו׳. ○ אמר רבי שמעון בן לקיש, אָחוֹר למעשה יום האחרון, וָקֶדֶם למעשה יום הראשון. הוא דעתיה דר״ש בן לקיש, דאמר ריש לקיש** (לעיל בב״ר שם ב, ד) **וְרוּחַ אֱלֹקִים מְרַחֶפֶת עַל פְּנֵי הַמָּיִם, זו רוחו של מלך המשיח, היך מה דאת אמר** (ישעי׳ יא, ב) **וְנָחָה עָלָיו רוּחַ ה׳. אם זכה אדם אומרים לו אתה קדמת למלאכי השרת, ואם לאו אומרים לו זבוב קדמך, יתוש קדמך, שלשול זה קדמך.**

[ה] **בויקרא רבה** (שם: **אמר רבי שמלאי, כשם שיצירתו של אדם אחר בהמה חיה ועוף, כך תורתו אחר בהמה חיה ועוף. הדא הוא דכתיב, זֹאת תּוֹרַת הַבְּהֵמָה** (שמיני יא, מו), **ואחר כך אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ.**

**וכן הובא זה ברש״י ריש פרשתן, בזה״ל: אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ. א״ר שמלאי, כשם שיצירתו של אדם אחר כל בהמה חיה ועוף במעשה בראשית, כך תורתו ׳נתפרשה׳ אחר תורת בהמה חיה ועוף.**

[ו] היינו בסמוך להדרש הנזכר לעיל בקושיא א. [ולהלן בהתירוץ מבאר רבינו שייכות אלו הב׳ דרושים].

KolSatmar.com

יא

קושיא ג

ויש להבין דהלא כמה דיני האדם, כבר נאמר בתורה קודם פרשת שמיני, ומאי שנא פרשה זו דייקא שדקדקו בכך

ג) לְעוֹלָם איז דאָך קָשֶׁה [על זה, שהרי], ס'איז דאָך דאָ תּוֹרָתוֹ פונעם מענטש איז דאָך דאָ 'פאַר' פרשת שמיני אויך, [וכגון פרשיות] קָרְבָּנוֹת [שבפרשת ויקרא צו].

קָרְבָּנוֹת איז דאָך אויך פאַרן מענטש וועגן, [ולשון הכתוב הוא] 'אָדָם' כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה' (ויקרא א, ב). און כְּסֵדֶר [בכל מצות התורה] איז דאָך אַלעס פאַרן מענטש, קָרְבָּנוֹת און מִנְחָה און די אַלע דִּינִים, כַּמָּה דִּינִים איז אויך דאָ דערפריערער [בספר שמות], די גאַנצע עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת [שבפרשת יתרו] וואָס מ'האָט מְצַוֶּה געוועזן דעם מענטש.

[ואם כן] וואָס עפּעס גראָד[ז] דאָ איז תּוֹרָתוֹ מִתְפָּרֶשֶׁת אַחַר כָּל בְּהֵמָה, פאַרוואָס פונקט ביי דעם, ווייל דאָ איז געווענן [תורת] בְּהֵמוֹת, איז עס תּוֹרָתוֹ מִתְפָּרֶשֶׁת אַחַר כָּל בְּהֵמָה וְחַיָּה. ס'איז דאָך דאָ אַסאַך תּוֹרוֹת פונעם מענטש וואָס זענען [געשטאַנען שוין] פריער, 'פאַר' דִּינֵי בְּהֵמוֹת וְחַיּוֹת.

יב

קושיא ד

גם צריך ביאור דיוק הלשון שכתב רש"י, כך תורתו "מתפרשת"

ד) דערנאָך [איז שווער], איבעראַל שטייט [כגון] אָמְרָה תּוֹרָה, [צי] נֶאֶמְרָה. וואָס איז עפּעס דאָס לשון 'מִתְפָּרֶשֶׁת'[ח], ס'ווערט נִתְפָּרֵשׁ.

די גאַנצע תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה ברויך פֵּירוּשׁ, ברויך פְּשַׁט. [אָבער] פאַרוואָס פונקט היצט שטייט [הלשון] מִתְפָּרֶשֶׁת. איבעראַל שטייט דאָס לָשׁוֹן אָמְרָה תּוֹרָה, צי נֶאֶמְרָה.

יג

קושיא ה

במדרש: הה"ד אֶשָּׂא דֵעִי לְמֵרָחוֹק, מחשבין לשמו של אברהם, שנאמר בו וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחוֹק. דבר אחר, מחשבין אנו לשמו של הקב"ה, שהיינו רחוקים וְקֵרְבָנוּ לו

נאָך איז דאָ אַ מדרש דאָ אין מדרש רבה[ט], אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ, זה שאמר הכתוב (איוב לו, ג) אֶשָּׂא דֵעִי לְמֵרָחוֹק וּלְפֹעֲלִי אֶתֵּן צֶדֶק. אֶשָּׂא דֵעִי לְמֵרָחוֹק, זה אברהם אבינו, שנאמר (וירא כב, ד) וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחֹק, [וזהו שנאמר] אֶשָּׂא דֵעִי 'לְמֵרָחוֹק'.

יד

דבר אחר לְמֵרָחוֹק, שֶׁהָיִינוּ רְחוֹקִים מִמֶּנּוּ וְקֵרְבָנוּ לְפָנָיו יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ, הקדוש ברוך הוא האָט מְקָרֵב געוועזן. - ער זאָגט דערויף פְּשָׁטִים.

טו

ויש להבין בכל זה, האיך שייך זה לענין הפרשה

ה) [אָבער] אַלץ איז אַ חִידוּשׁ וואו קומט דאָס אַהער, צו אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ.

[והגם] ער פירט אויס צום סוֹף דאָרטן' וואָס ס'איז מְרוּמָז [בענין הלידה], אָבער ס'האָט אויך נישט קיין שייכות אַזוי מיט דעם [עם הדרש שאמרו על אברהם אבינו שנאמר בו מרחוק, ועל מה שהקב"ה קירבנו אליו מרחוק].

---

[ז] גראָד, פירוש דוקא.

[ח] הכוונה על לשון רש"י דלעיל, כך תורתו 'נתפרשה' אחר תורת בהמה חיה ועוף.

[ט] בויקרא רבה (יד, ב): דבר אחר אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ, הדא הוא דכתיב אֶשָּׂא דֵעִי לְמֵרָחוֹק וּלְפֹעֲלִי אֶתֵּן צֶדֶק וכו'. אמר רבי נתן, מחשבין לשמו של אברהם אבינו, אותו שבא מֵרָחוֹק, הדא הוא דכתיב וַיִּשָּׂא אַבְרָהָם אֶת עֵינָיו וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחֹק. ○ ואמר רבי חנינא בר פפא, מחשבין אנו לשמו של הקב"ה, שהיינו רחוקים וְקֵרְבָנוּ לו וכו'.

KolSatmar.com

טז

# קושיות ודקדוקים בפרשת נגעים

### הקדמה לקושיא ו-ז

במדרש: כיון ששמעו ישראל פרשת נגעים, נתייראו. אמר להם אַל תִּתְיַּרְאוּ, אלו לאומות העולם, אבל אתם לאכול ולשתות ולשמוח

**שטייט ווייטער אין מדרש רבה, ביי די פַּרְשַׁת נְגָעִים, נֶגַע צָרַעַת כִּי תִהְיֶה בְאָדָם וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן. נאָכדעם** [לאחר פרשת היולדת] **קומט פַּרְשַׁת נְגָעִים, זאָגט דער מדרש, שטייט אין מדרש רבה**[יא] **מָשָׁל לְמַטְרוֹנָא שֶׁבָּאת לְמֶלֶךְ וְרָאֲתָה גַּלְבִין, זי האָט געזען גַלְבִין, - מַקְלוֹת אַזוי ווי זיי טייטשן**[יב]**, - נִתְיַרְאָה, זי האָט זיך דערשראָקן, אָמַר לָהּ אַל תִּתְיָרְאִי אֵלּוּ לַעֲבָדִים וְלִשְׁפָחוֹת, אֲבָל אַתְּ, דו ביסט נישט אַזוי, אַדְּרַבָּה פאַרקערט דו האָסט אַן הִתְקָרְבוּת.**

**אַזוי פירט אויס דער מדרש** [דעם נמשל]**, כַּךְ - זאָגט ער - כְּשֶׁשָּׁמְעוּ יִשְׂרָאֵל פַּרְשַׁת נְגָעִים נִתְיַרְאוּ האָבן זיי זיך דערשראָקן, אמר להם הקדוש ברוך הוא אֵלּוּ לְאוּמּוֹת הָעוֹלָם, אֲבָל אַתֶּם לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמוֹחַ. - אַזוי שטייט דאָס לָשׁוֹן אין מדרש רבה.**

יז

### קושיא ו

וקשה אומרו אלו לאומות העולם, דהלא דיני נגעים אינו נוהג בנכרים

**ס'איז דאָך אַ פֶּלֶא.**

**ו) קוֹדֶם דער אֵלּוּ לְאוּמּוֹת הָעוֹלָם, איז דען נְגָעִים פאַר די אוּמּוֹת הָעוֹלָם,** [והלא] **פאַרקערט, בְּפֵירוּשׁ שטייט דאָך**[יג]**,** [שדרשו בפסוק] **'אָדָם' כִּי יִהְיֶה** [בְעוֹר בְּשָׂרוֹ] **וְלֹא עַכּוּ"ם,** [כי] **אַתֶּם קְרוּיִים אָדָם** [ולא אומות העולם קרויין אדם]**.**

---

[י] **בויקרא רבה** (שם בהמשך): רבי לוי אמר תלת. בנוהג שבעולם, מפקיד אדם אצל חבירו ארנקי של כסף בחשאי, ומחזיר לו ליטרא של זהב בפרהסיא, אינו מחזיק לו טובה (בתמיה). כך הקב"ה מפקידין לו הבריות טיפה של לכלוכית בחשאי, והקב"ה מחזיר להם נפשות משובחות שלמות בפרהסיא, ואין זה שבח (בתמיה), הוי אֶשָּׂא דֵעִי לְמֵרָחוֹק וְלְפֹעֲלִי אֶתֵּן צֶדֶק. ○ רבי לוי אמר אוחרי, בנוהג שבעולם, אדם חבוש בבית האסורין אין כל בריה משגחת עליו, בא אחד והדליק לו שם נר, אינו מחזיק לו טובה. כך הקב"ה, הולד שרוי במעי אמו ומאיר לו שם נר, הוא שאיוב אומר (כט, ג) בְּהִלּוֹ נֵרוֹ עֲלֵי רֹאשִׁי, אין זה שבח, הוי וְלְפֹעֲלִי אֶתֵּן צֶדֶק. ○ רבי לוי אומר אוחרי, בנוהג שבעולם, אדם חבוש בבית האסורין ואין כל בריה משגחת עליו, בא אחד והתירו והוציאו משם, אינו מחזיק לו טובה. כך הולד שרוי במעי אמו, ובא הקב"ה והתירו, והוציאו משם.

[יא] **בויקרא רבה** (טו, ד): דבר אחר, אָדָם כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ, הדא הוא דכתיב (משלי יט, כט) **נָכוֹנוּ לַלֵּצִים שְׁפָטִים** [וּמַהֲלֻמוֹת לְגֵו כְּסִילִים], מוכנים היו ללצים דינים. בנוהג שבעולם, אדם רוכב על החמור, פעמים שסורח עליו ומכהו, פעמים ששוחק עליו ומכהו, ברם הכא, נָכוֹנוּ לַלֵּצִים שְׁפָטִים וּמַהֲלֻמוֹת. ○ מָשָׁל לְמַטְרוֹנָה שנכנסה לתוך פַּלְטִין של מלך, כיון דְּחָמִית מַגְלְבַיָּא תָּלָן, דָּחֲלַת. אמר לה המלך, אַל תִּתְיַרְאִי, אלו לעבדים ולשפחות, אבל אַתְּ לאכול ולשתות ולשמוח. כך כיון ששמעו ישראל פרשת נגעים נתייראו, אמר להם משה אַל תִּתְיַרְאוּ, אלו לאומות העולם, אבל אתם לאכול ולשתות ולשמוח, שנאמר (תהלים לב, י) רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע וְהַבּוֹטֵחַ בַּה' חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ. - [וכעין זה הוא בבמדבר רבה (נשא יג, ד)].

[יב] **במתנות כהונה** (שם): מַגְלְבַיָּא. רצועות ומקלות שבהם מייסרים העוברים על דת. [וכן ביפה תואר מעתיק בפירושו דהם הרצועות].

[יג] **במשנה דנגעים** (ג, א) הַכֹּל מִטַּמְּאִין בַּנְּגָעִים, חוּץ מִן הַנָּכְרִים וְגֵר תּוֹשָׁב. - וכן מבואר עוד שם (יב, א) לענין נגעי בתים. והובא בגמרא גיטין (פב.).

**ובברטנורא** (יב, א) כתב, דיליף לה מדכתיב בנגעי בתים (מצורע יד, לד) בְּבֵית אֶרֶץ 'אֲחֻזַּתְכֶם'. אולם **בתוספות יו"ט** (יב, א) כתב: שלמדנו מדכתיב (יג, ב) 'אָדָם' כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ נֶגַע, דאיכא למידרש מיניה כדדרשינן (יבמות סא.) בטומאת אהל, 'אָדָם' כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל (חקת יט, יד), ולא עכו"ם, שנאמר (יחזקאל לד, לא) צֹאנִי צֹאן מַרְעִיתִי אָדָם אַתֶּם, אתם קרויים אדם ולא עכו"ם קרויין אדם. [וכן מבואר באור החיים הק' כאן (יג, ב) והובא לקמן בהערה יח].

KolSatmar.com

בְּפֵרוּשׁ [שטייט אַרויס] אין די משנה[יג] אַז איך בין מְמַעֵט אומות הָעולָם פון פַּרְשַׁת נְגָעִים, די אומות הָעולָם זענען נישט מְטַמֵּא בִּנְגָעִים. [ואם כן] ווי קען מען זאָגן אויף די פַּרְשָׁה אֵלּוּ לְאוּמות הָעולָם.

יח

קושיא ז

גם אומרו ואתם לאכול ולשתות ולשמוח, אינו מובן מה שייך זה לענין מה שנתייראו ישראל מן הנגעים

ז) און דערנאָך דער אויספיר [אבל אתם] לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמוֹחַ, איז עפּעס גאָר אַ פֶּלֶא, [שהרי] ס'האָט דאָך גאָרנישט קיין שׁוּם שייכות, קיין שׁוּם הִתְקַשְּׁרוּת [לענין הנגעים, ואינו מובן] וואו קומט דאָס צו דעם, [אַז] פון נְגָעִים לאָזט זיך אויס לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמוֹחַ.

יט

סיום קושיא ו-ז

נו איז דען נישט דאָ נְגָעִים [באופן אחר, וכי] האָט מען דען נישט געגעבן די פַּרְשַׁת נְגָעִים פאַר אידן'ס וועגן. פאַר ווען דען האָט מען די הֲלָכוֹת, ס'איז דאָך נאָר פאַר אידן.

[און] ס'האָט קיין שום שייכות אויף דעם צו זאָגן לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמוֹחַ.

כ

# ישוב הקושיות בפרשת נגעים

נאָר קען זיין, לְהָבִין דִּבְרֵי חֲכָמִים וְחִידוֹתָם[יד] [בביאור המדרש שבקושיא ו-ז].

כא

קושיא ח

במדרש דורש מראות נגעים על הד' מלכיות של אומות העולם שמשעבדים את ישראל בגלות.

ויש להבין קישור הדרש עם הפשט, דהפשט מיירי ממראות נגעים וצרעת, והדרש מיירי מהאומות העולם

לאָמיר זען [בשנקדים וואָס] דער מדרש[טו] טייטשט אויס [דעם פסוק] שְׂאֵת אוֹ סַפַּחַת אוֹ בַהֶרֶת, שְׂאֵת זה בָּבֶל, סַפַּחַת זה מָדַי, בַּהֶרֶת זה יָוָן, און ער זאָגט טעמים דערויף אויף די אומות פאַרוואָס זיי הייסן אַזוי. וְהָיָה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת, זה אֱדוֹם.

---

[יד] לשון הפסוק במשלי (א, ו): לְהָבִין מָשָׁל וּמְלִיצָה, דִּבְרֵי חֲכָמִים וְחִידֹתָם.

[טו] בויקרא רבה (טו, ט): שְׂאֵת זו בָּבֶל, על שום 'וְנָשָׂאתָ' הַמָּשָׁל הַזֶּה עַל מֶלֶךְ בָּבֶל וְאָמָרְתָּ אֵיךְ שָׁבַת נֹגֵשׂ שָׁבְתָה מַדְהֵבָה (ישעי' יד, ד), רבי אבא בר כהנא אמר שָׁבְתָה מַדְהֵבָה, מלכות שהיא אומרת מְדוֹד וְהָבֵא. ר' שמואל בר נחמן אמר מלכות שהיא מַדְהֶבֶת פנים של אדם בשעה שבא אצלה. ורבנן אמרי על שום רישיה דְּדְהַב, אַנְתְּ הוּא רֵאשָׁה דִּי דַהֲבָא (דניאל ב, לח). ○ סַפַּחַת זו מָדַי, שהעמידה המן הרשע ששף כנחש, על שום עַל גְּחֹנְךָ תֵלֵךְ (בראשית ג, יד). ○ בַּהֶרֶת זו יָוָן, שהיתה מבהרת בגזרותיה על ישראל, ואומרת להן כתבו על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל. ○ נֶגַע צָרַעַת זו אֱדוֹם, שבאתה מכחה של זקן. ○ וְהָיָה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת, לפי שבעולם הזה הכהן רואה את הנגעים, אבל לעולם הבא אמר הקב"ה אני מטהר אתכם, הדא הוא דכתיב (יחזקאל לו, כה) וְזָרַקְתִּי עֲלֵיכֶם מַיִם טְהוֹרִים וּטְהַרְתֶּם.

ובתנחומא (סימן יא): אָדָם כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ שְׂאֵת אוֹ סַפַּחַת אוֹ בַהֶרֶת וגו', הכתוב מדבר במלכיות. שְׂאֵת זו בָּבֶל, שנאמר וְנָשָׂאתָ הַמָּשָׁל הַזֶּה עַל מֶלֶךְ בָּבֶל וגו'. סַפַּחַת זו מלכות מָדַי, שהיה המן מספח עם אחשורוש להשמיד להרוג ולאבד. בַּהֶרֶת זו מלכות יָוָן, שהיתה מבהרת על ישראל ואומרת כל מי שיש לו שור יחקה על קרן השור שאין לו חלק באלקי ישראל ואם לאו גוזרין עליו הריגה. וְהָיָה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת, זו מלכות אדום, שהקב"ה מלקה אותו בצרעת ואת השר שלו, שכן כתיב (ירמי' מו, טו) מַדּוּעַ נִסְחַף אַבִּירֶיךָ לֹא עָמַד כִּי ה' הֲדָפוֹ. ○ ולעולם הבא הקב"ה יושב בדין על מלך אדום, ואומר לו למה היית משתעבד בְּבָנַי, והוא אומר לא אתה הוא שמסרתם בידינו, והקב"ה אומר לו ובשביל שמסרתי אותם בידך לא שַׂמְתְּ עליהם רחמים, עַל זָקֵן הִכְבַּדְתְּ עֻלֵּךְ מְאֹד (ישעי' מז, ו) וכו'. אמר לו הקב"ה, חייך שאני יושב עליך במשפט ודן אותך ומחייבך וכו', ומה אני עושה לך, אני פורע מן השר שלך תחילה ומלקה אותו בצרעת, ואחר כך אני פורע ממך. ולא תאמר במלכות

KolSatmar.com

**וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן, זה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.** [ווי] **ער פירט אויס צום סוף, אַז דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וועט מאַכן די גְּאוּלָה. ער קומט אויס** [לרמוז בהפרשה] **ביז צו די גְּאוּלָה.**

כב

**ח) מילא דרשות חכמינו ז״ל איז דאָ אַסאַך מדרשים** [בפרשה זו], **אָבער דאָ אָט דאַרף מען טאַקע פאַרשטיין,** [שהר] **ער נעמט עפּעס אַרויס אינגאַנצן פונעם פְּשַׁט.**

[ווי] **זיי פלאָגן זיך, - דער כלי יקר פלאָגט זיך 'דאָרט'**[טז] [בפרשת תרומה] **אויכעט** [כעין זה, על דרשת המדרש[יז] בפסוק] **זָהָב וָכֶסֶף וּנְחֹשֶׁת** [שדרשוהו גם כן על האומות העולם] – [דקשה על דברי המדרש] **וואָס ער נעמט אַרויס פונעם פְּשַׁט.**

[דלכאורה] **קען מען דען זאָגן** [כך לפי הפשט, והרי] **דאָס איז דאָך הֲלָכוֹת,** [דער] **שְׂאֵת סַפַּחַת וּבַהֶרֶת. דאָס איז הֲלָכוֹת תְּלוּיִים בָּהֶם,** [ווי] **קען איך דען זאָגן אַז דאָס מיינט מען די אוּמּוֹת הָעוֹלָם, בָּבֶל, מיט מָדַי, מיט יָוָן.**

כג

**נאָר אָבער ער זאָגט 'דאָרט' פְּשַׁט** [בכלי יקר], **אַז מ'מיינט אַז דאָס געלט** [שנדבו בני ישראל לַמִּשְׁכָּן], **איז די זעלבע** [לעומת המלכיות, און] **דאָס איז מַזְכִּיר די זְכוּתִים** [להציל את ישראל מידי האומות שבהד' מלכיות].

כד

[נאָר] **דאָ איז עס אויך שווער צו זאָגן** [לפרש כדבריו, שהרי לא מיירי כאן מענין של זכותים ומצוה, רק מענין טומאת נגעים שבאים על החטא ובדרך עונש].

[ובאמת] **דאָרט ביי זָהָב וָכֶסֶף וּנְחֹשֶׁת איז עס אויכעט אַביסל שווער** [להבין שייכותו לענין הגלות והגאולה. אבל כאן קשה יותר, דהא דיני נגעים אין נוהגים בהאומות, וכדלעיל בקושיא ו].

כה

הקדמה לישוב קושיא ח, וקושיא ו

באור החיים הק' דקדק על לשון הפסוק וְהָיָה 'בְעוֹר בְּשָׂרוֹ 'לְנֶגַע צָרָעַת. דלכאורה היה סגי לומר והיה 'בו', וכדומה. דזה מובן מאיליו שהנגע אינה נראית לכהן רק כשהוא מבחוץ על עורו

**נאָר וואָס'זשע דען, ס'שטייט דער אור החיים הקדוש זאָגט**[יח], [אויף דעם וואָס ס'שטייט **וְהָיָה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת,** [דלכאורה] **וואָס זאָגט ער עפּעס 'בְעוֹר' בְּשָׂרוֹ. נו אַודאי, וואו דען** [איז דער נגע. וכן מצינו] **איבעראַל שטייט כִּי יִהְיֶה 'בוֹ' נֶגַע צָרַעַת** (יג,

---

הזה, אלא אפילו בגוג שהיה מתגאה בעולם ועולה, כך אני מלקה אותו בצרעת וכו' ○ אומר להם הקב״ה, **לפי שהייתם קוראים לְבָנַי טמאים, אני מטמא אתכם בטומאה גדולה, אבי הטומאות. ומנין שהיו קוראין לישראל טמאים,** שנאמר (איכה ד, טו) סוּרוּ טָמֵא קָרְאוּ לָמוֹ וגו', **ואתם תהיו מצורעים וטמאים. אבל ישראל אני מטהרן ומקדשן וגואלן מבניכם,** שנאמר (ישעי' סב, יב) **וְקָרְאוּ לָהֶם עַם הַקֹּדֶשׁ גְּאוּלֵי ה' וְלָךְ יִקָּרֵא דְרוּשָׁה עִיר לֹא נֶעֱזָבָה,** וכן אמר שלמה המלך (שיר השירים ד, ז) **יָפָה אַתְּ רַעְיָתִי וּמוּם אֵין בָּךְ.**

[טז] **בכלי יקר תרומה** (כה, ג). **וכבר הביא רבינו דבריו בב' שבועות שלפני זה בס״ג צו פרה תשי״ט** (לשון קדשו רצה, אות כג), **ושם העתקנו לשונו.**

[יז] **בתנחומא תרומה** (סימן ז). **וגם זה כבר הביא רבינו שם בס״ג הנ״ל, ושם העתקנו לשון התנחומא.**

[יח] **באור החיים הק' בפרשתן** (יג, ב): **אָדָם כִּי יִהְיֶה וגו'. פירוש על דרך אומרם ז״ל** (יבמות סא. ועוד) **אתם קרויים 'אדם' ואין עכו״ם קרוים אדם.** [לפי] **שאין העכו״ם מטמאין בנגעים. ומכאן הוכחה שאין גוים מטמאין בנגעים, כמו שאמרו במסכת נגעים בתחילת פרק יא** (משנה ג). **ואומרו כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ. מודיע הכתוב שאין טומאת צרעת באיש הישראלי אלא בעור בשרו, ולא בפנים.** כי העכו״ם, **בחינת נפשם עצמה היא בחינת הצרעת ומינם, ובנפש ישראל בְּפִגְעוֹ בם לצד החטא אשר יחטא, ירשום מראה צרעת בעור בשר, ודוקא בעורו, ולא בבשרו, ואין צריך לומר בפנימיותו.**

מז), [אָדער] נֶגַע צָרַעַת כִּי תִהְיֶה 'בְּאָדָם' וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן (שם, ט), ווייסט מען דאָך שוין [שהוא בְּעוֹר בְּשָׂרוֹ. וכן בכאן אם יאמר רק והיה 'בבשרו', או והיה 'בו', וכי] מ'ווייסט נישט וואָס מ'מיינט? מ'ווייסט דאָך אַז ס'איז אויפן עוֹר, וואו דען, אינעווייניג? [והלא אם הנגע מבפנים] ווער זעט דען אינעווייניג? [והרי צריך 'להראותו' לכהן, וא"כ מובן דהוא מבחוץ בעורו].

כו

ומפרש האור החיים הק', דמודיע הכתוב בזה שאין טומאת צרעת באיש הישראלי אלא בעור בשרו, ולא בפנים. כי העכו"ם, בחינת נפשם עצמה היא בחינת הצרעת ומינם, אבל בנפש ישראל בִּפְגָעוֹ בם לצד החטא אשר יחטא, ירשום מראה צרעת בעור בשר, ודוקא בעורו, ולא בבשרו, ואין צריך לומר בפנימיותו

זאָגט ער [באור החיים הק'], אַז דער בְּעוֹר בְּשָׂרוֹ דאָס איז אַ הֶסְבֵּר, [לבאר] דעס טאַקע פאַרוואָס נְגָעִים זענען נישט מְטַמֵּא נאָר ביי אַ איד, נישט ביי אַ גוי.

[ווייל] די נְגָעִים, די טוּמְאַת נְגָעִים איז דאָך [דאָ] אַ שֹׁרֶשׁ [דערצו, שהרי] אַלדינגס איז דאָך אַ שֹׁרֶשׁ [או ממקור הקדושה או ממקור הסטרא אחרא, ובכאן] אַז די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה האָט געזאָגט ס'איז טוּמְאָה, ליגט דערינען אַ שֹׁרֶשׁ הַטּוּמְאָה [מלעילא, על ידי כחות הסטרא אחרא], וואָס אונז פאַרשטייט מיר נישט, אָבער ס'איז אין שֹׁרֶשׁ, אין פְּנִימִיּוּת איז עס.

זאָגט ער, די אוּמּוֹת הָעוֹלָם זענען [בלאו הכי] אינגאַנצן פון די כּוֹחוֹת הַטּוּמְאָה, זייער מְקוֹר, [מצד] דאָס פְּנִימִיּוּת טאַקע. [און] אַז דאָס פְּנִימִיּוּת איז אַזוי, איז נישט קיין נַפְקָא מִינָהּ וואָס ס'טוט זיך אויפן עוֹר, [ווייל] דער עוֹר ברענגט נישט מער טוּמְאָה, ס'איז גאָרנישט מְחַדֵּשׁ, פאַרוואָס ווייל דעס פְּנִימִיּוּת איז אַזוי.

זאָגט ער, [אָבער] אַ איד איז דאָך פון אַ מְקוֹר הַקְּדוּשָּׁה, דאָס פְּנִימִיּוּת איז נישט פון 'דאָרטן', איבערדעם אַז ס'איז [דער נגע] נאָר 'בְּעוֹר' בְּשָׂרוֹ, איז עס נאָר פון אויבן אויף דער עוֹר די סִימָנֵי טוּמְאָה, איבערדעם האָט עס טאַקע אַ טוּמְאָה, [דעבור זה] כאַפּט עס, איז עס שטאַרקער, ווייל ס'האָט נישט קיין פלאַץ אין פְּנִימִיּוּת.

[איבערדעם] איז די תורה הקדושה 'מַסְבִּיר' [ענין הנגע באומרו] וְהָיָה 'בְעוֹר בְּשָׂרוֹ' לְנֶגַע צָרָעַת, ווייל ס'איז בְּעוֹר בְּשָׂרוֹ, לאפוקי אַז ס'איז נישט אין פְּנִימִיּוּת. [מה שאין כן] ביי די אוּמּוֹת הָעוֹלָם איז עס אין פְּנִימִיּוּת, איבערדעם איז נישט קיין נַפְקָא מִינָהּ, איז עס נישט מְטַמֵּא דעס וואָס מ'זעט אויפן עוֹר, ווייל דער עוֹר שפילט נישט קיין ראָלע [ביי זיי], וואָרן ס'איז דאָך אינגאַנצן אַזוי.

אַזוי זאָגט דער אור החיים הקדוש.

כז

ישוב קושיא ח

ולפי זה יבואר, כי לפי 'פְּשַׁט' הכתוב דמיירי בעור בשרו, קאי על דיני נגעים השייכים רק בישראל, אשר אצלם הנגעים הם רק 'בחיצוניות', מחמת החטא. אבל 'בהדרש' הוא רומז על 'פנימיות' ושורש הנגעים, שזה שייך רק אצל האומות העולם, ולזה נרמז בזה כל הד' מלכיות של האומות

איבערדעם קאָן זיין [בקישור דרשת המדרש להפשט. שהרי] אַלץ דער כְּלָל איז דאָך [ווי] די גמרא זאָגט (שבת סג.) אֵין מִקְרָא יוֹצֵא מִידֵי פְּשׁוּטוֹ, זאָגן זיי דאָך אַז דער דְּרַשׁ איז אויך אֱמֶת [ושהוא מקושר גם עם פשוטו]. ס'איז ביידע אֱמֶת, דער פְּשַׁט מיטן דְּרַשׁ.

איבערדעם די נֶגַע [כפי הפשט] וואָס ס'איז נאָר אויפן חִיצוֹנִיּוּת [עור הבשר], דעס גייט נאָר אָן ביי אַ איד. ביי אים זענען דאָ די אַלע הֲלָכוֹת, די הִלְכוֹת נְגָעִים, מיט די הִלְכוֹת טוּמְאָה.

KolSatmar.com

נאָר די תורה הקדושה [לויט] **דער דְרַש האָט אונז מְגַלֶה געווען, אַז די אַלע אומוֹת זענען אין פְּנִימִיוּת** [אַזוי], **פון די שָרְשֵי הַטוּמְאָה. די שָרְשֵי הַטוּמְאָה וואָס ס'טרעפט זיך אַמאָל ביי אַ איד 'בְעוֹר' בְּשָׂרוֹ, איז נאָר אַ חֵלֶק פון דעם, בלויז אויפן עוֹר הַבָּשָׂר,** [אבל האומות] **זיי זענען בְּעֶצֶם אַזוי.**

כח

איבערדעם איזביידע אֱמֶת [הדרש והפשט. שהרי] איבעראָל אין די תּוֹרָה הַקְדוֹשָה איז דאָך דאָ **חִיצוֹנִיוּת** און **פְּנִימִיוּת**, איבערדעם איז רעכט, די נְגָעִים אין **חִיצוֹנִיוּת** גייט עס אַרויף אויף אַ איד, אויף די הֲלָכוֹת, און דער **פְּנִימִיוּת** גייט אַרויף אויף **די אוּמוֹת הָעוֹלָם**, זיי זענען אַזוי אין **פְּנִימִיוּת**.

איבערדעם איז אֱמֶת דער דְרַש מיטן פְּשַט, ביידע מוזן דאָך אֱמֶת זיין וואָס חכמינו ז"ל זאָגן. דער פְּשַט איז, שמועסט ער דאָ פונעם **חִיצוֹנִיוּת** [וכנאמר] **בְּעוֹר בְּשָׂרוֹ**, און דאָס איז נאָר **ביי אַ איד**. אָבער ער דערציילט מיר אָבער ['בהדרש'] **זאָלסט וויסן** [אַז] **אין פְּנִימִיוּת פון די נְגָעִים זענען די אוּמוֹת אַזוי, בָּבֶל און מָדַי און יָוָן און אֱדוֹם.**

כט

[און אויף זיי] **זאָגט ער**[יט] [אַז] **לֶעָתִיד וועט זיין כִּי אֶעֱשֶׂה כָלָה בְּכָל הַגּוֹיִם** (ירמי' ל, יא), [און] **ס'וועט זיין רוּחַ הַטוּמְאָה יַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ** (זכרי' יג, ב).

ל

**הקדמה לישוב קושיא ז**

בבאר מים חיים דקדק על סמיכות פרשת נגעים לפרשת יולדת, וכן על לשון 'וְהָיָה' בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת, דהוא לשון שמחה. ומבאר דכל דבר יכול להתהפך לטוב, וכן אם האדם חוטא ושב בתשובה מתהפך מן 'נגע' לבחינת 'ענג', ולזה נרמז כאן לשון שמחה. וכעין זה הוא בענין טומאת לידה, שמתהפך מדם טהור לדם טמא, וכן אמרו דבלידה דם נעכר ונעשה חלב

**ס'שטייט אין באר מים חיים**[כ], [בענין] **פאַרוואָס מ'האָט מַסְמִיךְ געווען די פַּרְשַׁת נְגָעִים צו די פַּרְשָׁה** [פון] **אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ.**

---

[יט] בסיום דברי המדרש רבה, **לפי שבעולם הזה הכהן רואה את הנגעים, אבל לעולם הבא אמר הקב"ה אני מטהר אתכם. וכן בסיום דברי התנחומא, האריך ממה שידונו את האומות לעתיד, אבל ישראל אני מטהרן ומקדשן וגואלן מהם** [וכמובא לשונות המדרש, לעיל בהערה טו].

[כ] **בבאר מים חיים בפרשתן** (יג, ב): **אָדָם כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ וגו'. כבר כתבנו בכתוב הזה באורך בחיבורנו** (סידורו של שבת שורש ה, ענף ב עלה ז) **ולא נכפיל המבואר שם. ואמנם עוד נראה בביאורו על פי מאמרם ז"ל** (יומא לה:) **עשיר ורשע וכו' באין לדין וכו', אומרים לעשיר מפני מה לא עסקת בתורה, אם אומר עשיר הייתי וטרוד בנכסי, אומרים לו כלום היית עשיר יותר מרבי אלעזר בן חרסום וכו'. רשע, אומרים לו מפני מה לא עסקת בתורה, אם אומר נאה הייתי וטרוד ביצרי, אומרים לו כלום היית נאה יותר מיוסף וכו', עד כאן. הרי אשר מצינו לפעמים שבמעלה הטובה אשר יחנן ה' לאחד, כמו בבחינת התפארת שיהיה נאה למאוד, או במעלות העושר, וה' נתנה לטוב לו בעולם הזה ובעולם הבא וכו'** [עיי"ש באורך], **והוא לוקח את המתנה הטובה החביבה הלז ומורד עמה בהקב"ה למרות על כבודו ח"ו, ועליו נאמר** (האזינו לב, כ) **כִּי דוֹר תַּהְפֻּכֹת הֵמָּה וגו', פירוש שהופכים מעלותיהם ומידותיהם שנתתי בהם לעבודתי, למרות בהם את פי. וכמו כן בכל המעלות הטובות הנכבדות אשר יחנן ה' לאיש הישראלי, הכל ברא ה' לכבודו שיעבדהו בזה. ואדם הסכל לא די שאינו עובד בה לה', כי אם אדרבה עובר בה על רצונו. כמו מי שיש לו קול נעים לשורר, המשכיל יבין שלא מחמת טובו וכשרותו נתן ה' בו זאת המעלה החשובה יתר על שארי בני אדם, רק שהוא בשורש נשמתו צריך לעבוד את ה' במעלה הזו וכו'. וכמו כן בכל המעלות הנמצאים באדם וכו', ואיש בער הסכל מהפך ח"ו הקערה על פיה לעבוד עמה עבודה אשר לא כדת וכו'** [עיי"ש עוד באורך].

**והנה הרמב"ם ז"ל** (דעות ב, א-ב) **כתב וזה לשונו, ומה היא תקנת חולי הנפשות וכו' וכיצד היא רפואתם, מי שהוא בעל חימה, אומרים לו להנהיג עצמו שאם הוכה וקולל לא ירגיש כלל, וילך בדרך זה זמן מרובה, עד שיתעקר החימה מלבו. ואם היה גבה לב, ינהיג עצמו בבזיון הרבה וישב למטה מן הכל וכו' עד שיעקר גובה**

KolSatmar.com

לא

גיט ער צו פאַרשטיין, יעדע זאַך קען **נִתְהַפֵּךְ** ווערן.

פונקט אַזוי ווי אַז אַ איד זינדיגט, און דער אייבירשטער העלפט מ׳טוט טאַקע **תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה**, קאָן ווערן פון די **זְדוֹנוֹת זָכֻיּוֹת**[כא]. און אַזוי חָלִילָה פאַרקערט [דשייך ענין התהפכות בנפש מן הטוב אל ההיפוך ח״ו].

לב

ער שטעלט זיך [דאָרט אויך אויפן לשון הפסוק] **׳וְהָיָה׳ בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת**, [דהרי] חכמינו ז״ל (בראשית רבה מב, ג) **זאָגן אַ כְּלַל אֵין ׳וְהָיָה׳ אלא לשון שִׂמְחָה**, נו [אַז] דער פָּסוּק דערציילט מיר דאָ די נְגָעִים אַז דאָס איז מְטַמֵּא, דאָס קומט דאָך נאָר אויף אַ חֵטְא, נישט בְּחִנָּם, [ווי] די **גמרא** זאָגט דאָך[כב] אַסאַך עִנְיָנִים, אויף וואָס פאַר אַ חֵטְא, [פאַרשידענע] חֲטָאִים [אויף] וואָס די נְגָעִים קומען.

---

הלב ממנו ויחזור לדרך האמצעי, ובה ילך כל ימיו וכו׳ עד כאן. ואמנם בחינה זו אינה נקראת כי אם תשובה תתאה המוזכר **בזוהר הק׳** (ח״ג דף קכג.), שהוא רק שלא לשוב לחטא והעבירה אשר עבר. אבל לא יזכה על ידי זה להגיע לבחינת מקום תשובה עילאה שהפליגו חז״ל במעלתה עד מאוד וכו׳, כי מי שכבר נשקע במדה רעה ובתאוה רעה ובא לחזור אל ה׳ אלקיו וכו׳ לא די לו במה שיעקור המדה הרעה וישליכנה מעל פניו שלא ישתמש עוד בה, רק אדרבה שיראה ליקח מדה וחמדה הזו **לעבוד עמה עבודת בוראו** וכו׳. ועל זה אמרו חז״ל (עיין תנחומא בשלח סימן כד) הצדיקים בדבר שחוטאים בו מתרצים, כי לא די להם להניח מלעשות העבירה, רק אדרבה יוסיפו אומץ לעבוד במדות וחמדות הללו עבודת ה׳ לעומתם ועיין שם בחיבורנו (שם שורש ו, ענף ג עלה ט) שביארנו קצת אופן היפוך מדות הרעות למצות ה׳ וכו׳ [עיי״ש עוד באורך].

וזה שאמר הכתוב כאן **אָדָם כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ שְׂאֵת**, פירוש שיהיה בו איזה מעלה הרמה שמתרומם בה מאחיו, **אוֹ סַפַּחַת**, פירוש דבר שחוץ לגופו ונדבק בו, על דרך (שמואל א׳ ב, לו) **סְפָחֵנִי נָא אֶל אַחַת הַכְּהֻנּוֹת**, כמו העשירות, או מעלת היוחסין, הַגְּדוּלָּה וכדומה, בדבר שחוץ לגופו. **אוֹ בַהֶרֶת**, שיהיה דבר מעולה בגופו, שיהיה בהיר צח ונאה בנוי ויופי, או שאר המעלות אשר בגופו, כמו הקול, והחכמה ובינה יתירה משאר בני אדם. **וְהָיָה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת**, כי יעשה בהמעלות הללו החשובות דבר שהוא נגד רצון הבורא ית׳, **ונתהפך לו מענג לנגע**, כי הָפַךְ המעלה שהיה בו לעבודת ה׳ שהוא תכלית העונג והשמחה, והפכה לעשות בו דבר חוץ לעבודתו שהוא נגע צרעת וכו׳. ○ ואומר הכתוב אשר עיקר התקנה לזה, אשר **וְהוּבָא אֶל אַהֲרֹן הַכֹּהֵן**, לרמז שצריך להביא המדה והמעלה ההיא אל הכהן, לְכַהֵן ולשרת בה לשם ה׳. ולא די שישליכנה מעל פניו שלא להשתמש בה עוד לעבירה, כי אם צריך לעשות בה עוד חבילות של מצות **להפכה מעבר אל עבר**, כאשר הוא הפכה קודם מענג לנגע, כן עתה צריך **להפכה להעלותה לנועם וענג העליון** וכו׳. ○ ולזה אמר **וְהָיָה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע** וגו׳, שלכאורה זה **פלא להזכיר לשון ׳וְהָיָה׳ שהוא מורה על תכלית השמחה** כמאמר חז״ל, **אצל נגע צרעת**. ואכן כי רומז על בחינת **בעלי תשובה עילאה**, שבדבר שחוטאים בו מתרצים, והם גדולים מצדיקים גמורים, **וזה שמחה גדולה לפניו** כשמקרבים אליו מהתרחקות מקום כזה, כאמור. והוא בחינת **טוֹב מְאוֹד** (בראשית א, לא) **שאמרו ז״ל** (קהלת רבה ג פסוק יא) מְאוֹד זה היצר הרע, כי כשאדם זוכה לעבוד את ה׳ יתברך בכוחות היצר הרע וכו׳, הוא טוֹב מְאוֹד, מאוד יותר מטוב לבד הנאמר בצדיקים גמורים בבחינת היצר הטוב לבד, שזה הוא טוב לבד וזה טוב מאוד.

**ועל כן נסמכה פרשה זו לפרשת היולדת**, כי שוין הם באיכותם, כי שם הנה נעשה מטמא טהור, שאחר עבור ז׳ ימים תשב על דמי טהרה, שאפילו כשהיא רואה דם, טהור הוא, כי ה׳ **יִתֵּן טָהוֹר מִטָּמֵא** (איוב יד, ד), וגם שהדם נעכר ונעשה חלב (נדה ט.), בבחינת טהור מטמא (שם). וכן כאן מביא **הנגע אל הכהן**, לשרת את ה׳ במה שעבד בו לעבירה. וגם טומאתן שוה, שטומאת היולדות פעמים שבעה ופעמים שבועיים, וכן כאן בהסגר אשר בו הנגע לפעמים שבעת ימים ולפעמים עוד שבעה ימים אחרים, כמפורש בכתוב.

[כא] כמבואר **בגמרא יומא** (פו:): **אמר ריש לקיש גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כשגגות**, שנאמר (הושע יד, ב) **שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה׳ אֱלֹקֶיךָ כִּי כָשַׁלְתָּ בַּעֲוֹנֶךָ** [פירש״י: עונך יחשב כמכשול שהיא שגגה], האי עון מזיד הוא וקא קרי ליה מכשול. איני, והאמר ריש לקיש **גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כזכיות**, שנאמר (יחזקאל לג, יט) **וּבְשׁוּב רָשָׁע מֵרִשְׁעָתוֹ וְעָשָׂה מִשְׁפָּט וּצְדָקָה עֲלֵיהֶם הוּא יִחְיֶה** [יחיה על כל מה שעשה, ואף על העבירות]. **לא קשיא, כאן מאהבה, כאן מיראה.**

[כב] **בגמרא ערכין** (טז.): **אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן, על שבעה דברים נגעים באין, על לשון הרע, ועל שפיכות דמים, ועל שבועת שוא, ועל גילוי עריות, ועל גסות הרוח, ועל הגזל, ועל צרות העין.** [ועיי״ש בהמשך, הלימודים על כל זה].

KolSatmar.com

און ס׳איז מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ, דעס איז דאָך אַן עוֹנֶשׁ כָּבֵד.

[ואם כן] לְשִׂמְחָה מַה זֹּה עוֹשָׂה[כג], וואָס שטייט עפּעס אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה, וְהָיָה. וואָס איז דער ׳וְהָיָה׳ בְעוֹר בְּשָׂרוֹ.

לג

זאָגט ער אַזוי. לעולם אַ איד קען מְהַפֵּךְ זיין [הכל לטובה].

ווען ער זינדיגט חָלִילָה [ובאים עליו] נְגָעִים, קאָן ער מְהַפֵּךְ זיין דערפון, נֶגַע איז אותיות עֹנֶג, [און] עוֹנֶג איז דאָך שִׂמְחָה. אַז מ׳איז מְהַפֵּךְ די גְזֵירָה, ווערט פון דעם עוֹנֶג מיט שִׂמְחָה. קאָן מען מְהַפֵּךְ זיין, מיט תְּשׁוּבָה קאָן מען דאָס מְהַפֵּךְ זיין, ווערן פון די אותיות ׳נֶגַע׳ עֹנֶג.

איבערדעם שטייט ׳וְהָיָה׳ בְעוֹר בְּשָׂרוֹ, מ׳קאָן מאַכן פון דעם אַ לָשׁוֹן שִׂמְחָה, [ווייל] אַז מ׳טוט תְּשׁוּבָה און מ׳פאַררעכט [דעם חטא], איז מען דאָס מְהַפֵּךְ אויף דעם עֹנֶג, אויף עוֹנֶג וְשִׂמְחָה. אַזוי שטייט אין **באר מים חיים**.

לד

פירט ער אויס, איבערדעם שטעלט מען דאָס אַנידער, האָט מען דאָס מַסְמִיךְ געווען [לפרשת] אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ, [ווייל] דאָ איז דאָך אויך עפּעס אַן עִנְיָן [פון הִתְהַפְּכוּת. שהרי] דַּם [שעליה נאמר] כִּימֵי נִדַּת דְּוֹתָהּ תִּטְמָא, די טוּמְאַת הָאִשָּׁה, **דַּם** איז דאָך דאָ אַ מְקוֹר דערינען פאַרוואָס אין דעם דַּם איז דאָ אַ טוּמְאָה, און נאָך דער לֵידָה איז עס יְמֵי טֹהַר, ווערט עס נִתְהַפֵּךְ [מטהור לטמא. וכן הוא במה שאמרו] **דם נעכר ונעשה חָלָב** (נדה ט.). ס׳ווערט **נִתְהַפֵּךְ** פון טוּמְאָה אויף טַהֲרָה[כד].

זעט מען דאָך [פון דעם, אַז] דאָס איז פאַרהאַנדן [אַז] דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים האָט געגעבן אין דעם אַ כֹּחַ ביי אַ לֵידָה, - איבערהויפּט ביי לֵידַת הַזָּכָר, דאָרט איז עס מער[כה] נִתְהַפֵּךְ אויף דַּם טֹהַר, [און ביי] אַ נְקֵבָה איז לענגער די טוּמְאָה[כו], - דער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים האָט געגעבן אַ כֹּחַ ביי די לֵידָה אַז ס׳ווערט נִתְהַפֵּךְ.

זאָגט ער, די זעלבע זאַך [איז] אַזוי [אַז] **די נְגָעִים** קאָן אויך ווערן פון נֶגַע אויף עֹנֶג [שהוא] אויף שִׂמְחָה, איבערדעם [שטייט] ׳וְהָיָה׳ בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת.

אַזוי שטייט אין **באר מים חיים**[כז].

לה

וכעין זה פירשו במאמר הכתוב וְהִנֵּה הַנֶּגַע לֹא הָפַךְ אֶת ׳עֵינוֹ׳, דזה רומז על ענין ההפיכה מן ׳נגע׳ אל ׳ענג׳, שאותיותיהם שוות, והחילוק הוא רק באות הע״ן, שהוא מתהפך מסוף התיבה לתחילתה

כעין זה טייטשן זיי דאָך[כח] שוין לאַנג, [בלשון הפסוק] וואָס ס׳שטייט וְהִנֵּה הַנֶּגַע לֹא הָפַךְ אֶת ׳עֵינוֹ׳ (יג, נה).

---

[כג] לשון הפסוק בקהלת (ב, ב).

[כד] שהדם אסור באכילה ומטמא, והחלב מותר וטהור. וגם שהדם הוא מראה אודם ורומז לדין, והחלב הוא מראה לבן ורומז לחסד.

[כה] פירוש ׳שנעלער׳, בהיותה סמוך יותר לזמן לידתה.

[כו] ועיין **ברמב״ן** (יב, ד. ד״ה וטעם הכפל), **ובספר החינוך** (מצוה קסו).

[כז] ועיין גם **בתולדות יעקב יוסף** (פרשת נח), **ובדגל מחנה אפרים** (ריש פרשת אמור).

[כח] בספר **שם אפרים** (להג״ר אפרים זלמן מרגליות, בפרשתן) וז״ל: **ובזוהר איתא** (עי׳ להלן בהערה לא) **אם שב בתשובה הנגע מתהפך לענג. ובזה שמעתי בשם אלוף נעורי הגאון החסיד שבכהונה מה״ר יצחק אייזיק הכהן האב״ד דק״ק קאריץ ז״ל** [בעל ברית כהונת עולם] **שלזה רָמַז הכתוב, לפי שבמִלת ׳נֶגַע׳ העין לבסוף, ובמלת ׳עֹנֶג׳ הע״ן**

KolSatmar.com

ווערן דער חִילוּק איז פון נֶגַע ביז עֹנֶג, איז די [אות] עַיִ״ן, די עַיִ״ן ׳וואר׳ זי ליגט. אין נֶגַע ליגט די עַיִ״ן צום סוֹף [התיבה], אַז מ׳מאַכט פון דער נֶגַע עֹנֶג שטעלט מען די עַיִ״ן פון פאָרנט, איז דער גאַנצער דיפערענץ פון ׳נֶגַע׳ ביז ׳עֹנֶג׳ איז נאָר וואו די עַיִ״ן ליגט.

מיט דעם זאָגן זיי, וְהִנֵּה הַנֶּגַע לֹא הָפַךְ אֶת ׳עֵינוֹ׳, ער האָט נאָכנישט איבערגעקערט די עַיִ״ן [אַז] ער זאָל עס שטעלן פון פאָרנט, [נאָר] ס׳איז נאָך אַלץ געבליבן [פון] אונטן.

לו

ויש לרמז ענין זה גם בלשון יְשׁוּעַת ה׳ כְּהֶרֶף ׳עַיִן׳, דהישועה תלוי בהתחלפות האות עי״ן

אפשר איז דאָס אַ רֶמֶז [בלשון המורגל][כט] יְשׁוּעַת ה׳ כְּהֶרֶף ׳עַיִן׳, [דהישועה תלוי לפי] וויאַזוי מ׳ריקט די עַיִ״ן.

לז

וכן נרמז בפסוק כִּי ׳עַיִן בְּעַיִן׳ יִרְאוּ בְּשׁוּב ה׳ צִיּוֹן. וכפל הלשון רומז על המבואר לעיל, דיש ענין נגעים בחיצוניות, וכן יש ענין נגעים בפנימות, שכולם יתהפכו לעונג

[וכן יש לרמז כן בלשון הפסוק] כִּי ׳עַיִן בְּעַיִן׳ יִרְאוּ בְּשׁוּב ה׳ צִיּוֹן (ישעי׳ נב, ח), [דלעתיד לבא] וועט דאָס אַלעס נִתְהַפֵּךְ ווערן אויף עוֹנֶג וְשִׂמְחָה, אַלעס וואָס אידן ליידן.

[ומה שאמר בכפל לשון ׳עַיִן בְּעַיִן׳, ווייל] דאָס איז טאָפּלט די נֶגַע [שתתהפך לעונג]. הֵן [פון] וואָס מ׳זינדיגט, דאָס חִיצוֹנִיוּת. און ווידעראום [פון] די אוּמוֹת הָעוֹלָם, דאָס פְּנִימִיּוּת. [ביי] די אַלע נְגָעִים, אַז ס׳וועט זיין רוּחַ הַטּוּמְאָה יַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ, וועט ׳טאָפּלט׳ זיין [דער] הִתְהַפְּכוּת הָעַיִן, [ולכן] איז דאָס צוויי מאָל, כִּי ׳עַיִן בְּעַיִן׳ יִרְאוּ בְּשׁוּב ה׳ צִיּוֹן.

לח

**עוד הקדמה לישוב קושיא ז**

חיוב סעודה ומצות אכילה ושתיה בשבת נקרא בשם ׳עֹנֶג׳ שַׁבָּת, וכדנלמד זה מהכתוב וְקָרָאתָ לַשַּׁבָּת עֹנֶג

[והנה] די גמרא זאָגט[ל], הכל מודים בְּשַׁבָּת דבעינן נמי ׳לָכֶם׳[לא], דכתיב (ישעי׳ נח, יג) וְקָרָאתָ לַשַּׁבָּת עֹנֶג.

[והרי כי] דער חִיּוּב סְעוּדָה און אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה בְּשַׁבָּת, איז געדרינגען פון וְקָרָאתָ לַשַּׁבָּת ׳עֹנֶג׳. [ונקרא בשם] די מִצְוַת ׳עֹנֶג׳ גראָד, [די] אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה אום שַׁבָּת, [ומה שהוא] אַ יוֹם שִׂמְחָה, [ונלמד מהפסוק] וְקָרָאתָ לַשַּׁבָּת עֹנֶג.

---

בתחלת התיבה, וכשנעשה הענג מתהפכת העין מסוף התיבה לראשיתו, ואותיות נ׳ ג׳ במקומם עומדים. ולזה רָמַז וְהִנֵּה הַנֶּגַע לֹא הָפַךְ אֶת ׳עֵינוֹ׳, רצה לומר עי״ן שלו, עד כאן דברי קדשו. והוא פלאי. [וכן הובא זה בשם הברית כהונת עולם, בבאר משה (קאזניץ) בפרשתן].

וכן הובא פירוש זה בשם השם אפרים בייטב לב (פרשת מצורע) וייטב פנים (לשמ״ע אות ט). וכן מפרש גם בחתם סופר עה״ת (סוף פרשתן).

[כט] והוא מאמר המובא בספרים, ומהם בפסיקתא זוטרתא [לקח טוב] על מגילת אסתר (אות יז), ובעשרה מאמרות (להרמ״ע, מאמר העתים סימן ו), ובסדר היום (לליל הסדר).

[ל] בגמרא פסחים (סח:): דתניא רבי אליעזר אומר, אין לו לאדם ביום טוב אלא או אוכל ושותה, או יושב ושונה. רבי יהושע אומר חלקהו, חציו לאכילה ושתיה, וחציו לבית המדרש. ואמר רבי יוחנן ושניהם מקרא אחד דרשו, כתוב אחד אומר (ראה טז, ח) עֲצֶרֶת לַה׳ אֱלֹקֶיךָ, וכתוב אחד אומר (פנחס כט, לה) עֲצֶרֶת תִּהְיֶה ׳לָכֶם׳, רבי אליעזר סבר או כולו לה׳, או כולו לכם, ורבי יהושע סבר חלקהו, חציו לה׳ וחציו לכם. אמר רבי אלעזר הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לָכֶם [פירש״י: שישמח בו במאכל ומשתה], מאי טעמא, יום שניתנה בו תורה הוא [להראות שנוח ומקובל יום זה לישראל שנתנה תורה בון]. ○ אמר רבה, הכל מודים בְּשַׁבָּת דבעינן נמי לָכֶם, מאי טעמא, וְקָרָאתָ לַשַּׁבָּת עֹנֶג. ○ אמר רב יוסף, הכל מודים בפורים דבעינן נמי לָכֶם מאי טעמא, יְמֵי מִשְׁתֶּה וְשִׂמְחָה כתיב (אסתר ט, כב).

[לא] ובענין לשון ׳נמי׳ לכם, עיין בזה במגן אברהם (רמב, א). ועיין בדברי יואל על סוגיות הש״ס (עמוד סב) בזה.

KolSatmar.com

לט

והענין כי השבת הוא יום המסוגל להפוך מן בחינת 'נגע' לבחינת 'ענג',
על ידי כח התשובה וסליחת העון שעל ידי שמירת שבת, וכיבודה

[והענין בזה כי השבת הוא מסוגל לתשובה שהיא המהפכת מבחינת נגע לבחינת ענג], **איבערדעם איז דאָך שַׁבָּת** [א יום] **מְחִילַת עָוֹן,** [וכמו שאמרו] (שבת קיח:) **הַשּׁוֹמֵר שַׁבָּת כְּהִלְכָתוֹ אפילו עובד עבודה זרה כדור אנוש מוֹחֲלִין לו.**

**ס'איז זְמַן מְחִילַת עֲוֹנוֹת, אַז מ'טוט תְּשׁוּבָה**[לב]**. אַז מ'טוט תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה** [מהפכין הרע לטוב ונגע לעונג], **איז דער זְמַן מְחִילַת עֲוֹנוֹת** [אום] **שַׁבָּת**[לג] [שהוא יום המסוגל לבחינת ענג דקדושה].

מ

ולכן השבת הוא מסוגל להביא הגאולה, וכמו שאמרו דאלמלי שמרו ישראל את השבת כהלכתה מיד נגאלים

[און דער] **שַׁבָּת איז דאָך בְּכֹחַ צו ברענגען די גְּאוּלָּה** [התלוי בתשובה, והוא תכלית ההתפכות מנגע לעונג. וכמו שאמרו עוד בגמרא שם דאלמלי שמרו ישראל שתי שבתות מיד היו נגאלין].

– **די גמרא זאָגט**[לד] [אלמלי שמרו] **שְׁתֵּי שַׁבָּתוֹת, און אין מדרש**[לה] **שטייט נאָר איין שַׁבָּת,** [און] **אין זוהר הקדוש**[לו] [שטייט] **אויכעט, נאָר שַׁבָּת אֶחָד.**

[נאָר] **איך האָב שוין אַמאָל**[לז] **דאָס געענטפערט** [אויף] **די סְתִירָה, אַז ס'איז איינס** [דברי הזוהר עם דברי הגמרא, והכל לכוונה אחת]. –

מא

ולפי מה שכתב בבאר מים החיים, הרי נרמז בפרשת הנגעים ענין התהפכות מנגע
לעונג ולשמחה, וכנרמז בלשון 'והיה', והסגולה לזה על ידי מצות עונג שבת בשמחה

**על כל פנים** [לויט] **אַזוי ווי דער באר מים חיים זאָגט** [ברמז הכתוב] **'וְהָיָה' בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרָעַת,** [דאם עושין תשובה הכל מתהפך לטובה, און] **ס'ווערט פון דעם שִׂמְחָה,**

---

[לב] **ועיין בזה בטורי זהב** (או״ח ריש סימן רמב).

[לג] **עיין באורך בסידורו של שבת** (ח״א, שורש הראשון, שבת בו תשוב). **ועיין בדברי יואל בראשית** (עמוד קז).

[לד] **בגמרא שבת** (קיח:): **אמר רב יהודה אמר רב, אלמלי שמרו ישראל שבת ראשונה, לא שלטה בהן אומה ולשון,** שנאמר (בשלח טז, כז) וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יָצְאוּ מִן הָעָם לִלְקֹט, וכתיב בתריה [פירש״י: בתר ההוא פרשתא] (שם יז, ח) וַיָּבֹא עֲמָלֵק. ○ **אמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחי, אלמלי משמרין ישראל שתי שבתות כהלכתן, מיד נגאלים,** שנאמר (ישעי׳ נו, ד) כֹּה אָמַר ה׳ לַסָּרִיסִים אֲשֶׁר יִשְׁמְרוּ אֶת שַׁבְּתוֹתַי, וכתיב בתריה (שם, ז) וַהֲבִיאוֹתִים אֶל הַר קָדְשִׁי וגו׳.

[לה] **בשמות רבה** (כה, יב): **אמר רבי לוי, אם משמרים ישראל את השבת כראוי, אפילו יום אחד, בן דוד בא. למה,** שהיא שקולה כנגד כל המצות. וכן הוא אומר (תהלים צה, ז) כִּי הוּא אֱלֹקֵינוּ וַאֲנַחְנוּ עַם מַרְעִיתוֹ וְצֹאן יָדוֹ הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ, אמר רבי יוחנן, אמר הקב״ה לישראל אע״פ שנתתי קצבה לקץ שיבא בין עושין תשובה בין שאין עושין בעונתה היא באה, **אם עושין תשובה אפילו יום אחד, אני מביא אותה שלא בעונתה,** הוי הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ. וכשם שמצינו שעל כל המצות בן דוד בא, **על שמירת יום אחד של שבת בן דוד בא,** לפי שהשבת שקולה כנגד כל המצות.

**ובמדרש תהלים** (מזמור צה): הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ. אמר רבי לוי, **אם היו ישראל משמרין אפילו שבת אחת כתקנה, מיד היו נגאלין,** שנאמר הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ, וכתיב (ואתחנן ה, יב) שָׁמוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ.

[לו] **בתיקוני זוהר** (דף נז.): וּבְגִין דָּא אָמְרוּ קַדְמָאֵי, **אִם יִשְׂרָאֵל הֲווּ מְקַיְּימִין שַׁבָּת אַחַת כְּהִלְכָתָהּ, מִיַּד הֲווּ נִגְאָלִין.**

ובזוהר חדש (יתרו דף מב): וְיִשְׂרָאֵל דְּנָטְרִין שַׁבָּת וְאוֹת בְּרִית מִילָה, אִיתְּמַר בְּהוֹן (משנה שבת קיא.) כָּל יִשְׂרָאֵל בְּנֵי מְלָכִים, **וְאִלְמָלֵא נָטְרִין יִשְׂרָאֵל שַׁבָּת אֶחָד כְּהִלְכָתָהּ, מִיַּד נִגְאָלִין.**

[לז] **בדרשת שבת הגדול תרצ״ד** (נדפס בטיב לבב פרשת צו) [ותוכן הדברים כי לשמירת שבת כהלכתה צריך שיכין עצמו כל ימי השבוע, והכנה הראויה לשבת הבאה היא רק בכח שמירת שבת שלפניה, ולכן העיקר היא השבת השניה שהיא 'כהלכתה' בהקדמת שבת שלפניה, ולזה אמרו שבת אחת 'כהלכתה', ובגמרא הזכירו שתי שבתות, כי לשבת אחת צריכין שתי שבתות].

**ועיין עוד בחינה בזה בדברי יואל בשלח** (עמוד שסא), **וכן בס״ג שבת הגדול תשכ״ו. ועוד בחינה בטיב לבב** סוף פרשת תצא. – **ועיין בס״ג קדושים תשי״ד** (לשון קדשו קונטרס קצ) **עוד תירוץ בזה בשם הקדושה יו״ט** [דהכוונה על שמירת שבת אחת עם התוספת שבת].

KolSatmar.com

און מ׳מאַכט פון דעם עונֶג. איז דאָך דאָס [מענין] פון די מִצְוֹת פון קְדוּשַׁת שַׁבָּת [דהכל מודים בו] דבעינן ׳לָכֶם׳, [על ידי] אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה מיט שִׂמְחָה.

מב

**ישוב קושיא ו-ז**

ובזה יבואר המדרש, כששמעו ישראל פרשת נגעים נתייראו, דראו מה שנרמז בו ענין הנגעים ׳שבפנימיות׳, שלזה אין תקנה. כי באמת רק לנגע שהוא רק ׳בחיצוניות׳ יש תקנה להפכו מן נגע לעונג ע״י תשובה ותיקון המעשים

דעס זאָגט דער מדרש קאָן זיין.

אידן האָבן זיך געשראָקן פון די פַּרְשַׁת נְגָעִים, [ווייל] אין אֱמֶת׳ן אַריין אין די פַּרְשַׁת נְגָעִים איז דאָך דאָ צוויי זאַכן, האָב איך דאָך שוין פריער מַסְבִּיר געווען וואָס ס׳שטייט אין מדרש [שדרשוהו על אומות העולם, ווייל] דאָס חִיצוֹנִיוּת איז ביי אידן, און דאָס פְּנִימִיּוּת גייט אַרויף אויף די אוּמוֹת, שְׂאֵת און סַפַּחַת וּבַהֶרֶת, ווי כ׳האָב נאָכגעזאָגט דעם מדרש [שכל אלו רומזים] אויף די אוּמוֹת הָעוֹלָם.

[ואותן בחינות הנגעים שאצל האומות העולם] די וועלן בלייבן אַ נִצְחִיּוּת [אצלם, ולא שייך להפכו, עד לעתיד] ביז ס׳וועט זיין כִּי אֶעֱשֶׂה כָלָה בְּכָל הַגּוֹיִם (וכדלעיל בסוף אות כז).

אָבער דעס וואָס ס׳איז ביי אידן נאָר ביים חִיצוֹנִיוּת, קאָן מען מְהַפֵּךְ זיין מיט שִׂמְחָה און מיט עוֹנֶג, אַז הַנֶּגַע זאָל זיין הָפַךְ אֶת ׳עֵינוֹ׳ ווי איך האָב פריער געזאָגט (באות לה), דעס קאָן מען מיט דעם [עם שמחת ועונג השבת] מְהַפֵּךְ זיין[לח].

מג

דאָס קאָן זיין מרומז אין דעם מדרש, [לְהָבִין] דִּבְרֵי חֲכָמִים וְחִידוֹתָם[ד].

[ווען] אידן האָבן געהערט פַּרְשַׁת נְגָעִים נִתְיַרְאוּ, האָבן זיי זיך געשראָקן, [ווייל] זיי האָבן געוואוסט [אַז] אין דעם ליגט דאָך אַ חִיצוֹנִיּוּת [שאפשר להתהפך], מיט אַ פְּנִימִיּוּת [שאי אפשר להתהפך. וחששו שמא גם ׳הפנימיות׳ שייך ח״ו אצלם].

מד

ועל זה השיבו להם אֵלּוּ לְאוּמוֹת הָעוֹלָם, והיינו הנגעים ׳שבפנימיות׳. אֲבָל אַתֶּם שייך אצלכם רק ענין נגעים ׳שבחיצוניות׳, שלזה יש תקנה לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמוֹחַ בקיום מצות עונג שבת בצירוף עם התשובה, אשר בזה יכולין להפוך ולהמתיק את הנגע להיות ׳ענג׳ ושמחה

האָט מען זיי געענטפערט אֵלּוּ לְאוּמוֹת הָעוֹלָם, דעס וואָס ס׳ליגט דערינען פאַר די אוּמוֹת, דעס איז טאַקע אַ נִצְחִיּוּת, דעס פְּנִימִיּוּת דערפון דאָס זענען די אוּמוֹת.

אֲבָל אַתֶּם, עטס קאָנט עס מַמְתִּיק זיין, דאָס חִיצוֹנִיּוּת פון די נְגָעִים קאָנט עטס מַמְתִּיק זיין [על ידי] לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמוֹחַ [ביום השבת, און מ׳זאָל] פון די ׳נֶגַע׳ מאַכן ׳עֹנֶג׳, דאָס איז די מִצְוָה פון [עונג] שַׁבָּת, בַּאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וְשִׂמְחָה, [און דורכדעם] וועט זיין ׳וְהָיָה׳ בְּעוֹר בְּשָׂרוֹ [לשון שמחה], אַזוי ווי דער **באר מים חיים** זאָגט.

---

[לח] ועיין בזוהר הק׳ (ח״ב רסה:) וז״ל: בְּאֶמְצָעִיתָא דְּהַאי הֵיכָלָא, אִית רוּחָא אַחֲרָא, דְּאִקְרֵי נֶגַע. וּמֵהַאי נָפְקָא רוּחָא אַחֲרָא דְּאִקְרֵי נֶגַע צָרַעַת. וְאִיהוּ קַיְּימָא תָּדִיר, לְסָאֳבָא לְכָל אִינּוּן מָארֵיהוֹן דְּלִשְׁנָא בִּישָׁא, יַתִּיר עַל כָּל מַה דִּמְסָאֲבִין לֵיהּ. וְהַאי נֶגַע עִלָּאָה, אִיהוּ מְמָנָא עַל כָּל אִינּוּן פְּתוּרֵי דְּשַׁבְּתָא, דְּכַד עָיֵיל שַׁבְּתָא, וְלָא אִתְסְדָּרוּ בְּעִנּוּגָא דְּשַׁבְּתָא כִּדְקָא יָאוּת, וְאִינּוּן קָא מְבַזֵּי עִנּוּגָא דְּשַׁבְּתָא, הַאי נֶגַע נָטִיל לְאִינּוּן פְּתוּרֵי דְּלָאו אִינּוּן בְּעִנּוּגָא דְּשַׁבְּתָא כִּדְקַאמְרָן וכו׳. כְּגַוְונָא דָּא בְּכָל אִנּוּן סְעוּדָתֵי דְיוֹמִין טָבִין.

ובתיקוני זוהר (דף נח.): וְכָל מַאן דְּעָבִיד צְדָקָה בְּמִסְכֵּנָא, גָּרִים הַהוּא נָהָר דְּיִתְמַשֵּׁךְ מֵעֵדֶן דְּאִיהִי אִימָּא עִלָּאָה, לְהַשְׁקוֹת אֶת הַגָּן, דְּאִיהִי ד׳ דַּלָּה מִסְכֵּנָא, וְעָנִי אִיהוּ יוֹם שַׁבָּת, וּמַאן דִּמְקַיֵּים בָּהּ עֹנֶג שַׁבָּת גָּרִים לְאַשְׁקָאָה הַהִיא ד׳, וְהַהוּא עָנִי אִתְמַלֵּי וְאִתְקְרֵי נָהָר, וּמָאן דְּאִית לֵיהּ רְשׁוּ לְמֶעֱבַד עֹנֶג שַׁבָּת וְלָא עָבִיד, אִתְהַפֵּךְ לֵיהּ עֹנֶג לְנֶגַע צָרַעַת, וְחָרִיב בֵּיתֵיהּ וּמָמוֹנֵיהּ.

KolSatmar.com

[כי עונג וקדושת שבת] **דעס איז די הַמְתָּקָה** [אַז] **מ'זאָל פון דעם נִיצוֹל ווערן,** [אַז] **דאָס זאָל פאַרראָכטן ווערן מ'זאָל צו דעם נישט אויסקומען** [להנגעים]. **ממילא איז דאָ אַן עֵצָה.**

**האָט ער זיי מיט דעם מְנַחֵם געווען, אַז ס'איז דאָ אַן עֵצָה.**

מה

# ישוב הקושיות בתחילת הפרשה

**הקדמה לישוב קושיא א (באופן שני)[לט], וקושיא ב**

**מיט דעם קאָן זיין, איבערדעם איז זָכָה אומרים לו אַתָּה קְדַמְתָּ לְכָל מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית, לֹא זָכָה אומרים לו יִתּוּשׁ קְדָמְךָ.**

מו

הנפש הוא רוחני, והגוף הוא גשמי שנברא עפר מן האדמה. אבל יכולין להעלות גם הגוף, או ח"ו להיפוך.
וכענין שכתב הרמב"ם גם בד' יסודות גופניות, שהם נבראים באופן מתעלין ומתחלפין מאחד לחבירו

**לאָמיר זען.**

[דהנה] **דער כְּלַל איז דאָך** [ווי] **איך האָב פריער געזאָגט** (באות ד-ז)**, דאָס נֶפֶשׁ איז חֵלֶק אֱלוֹקַ מִמַּעַל. און דער גוּף איז דאָך עָפָר מִן הָאֲדָמָה** (בראשית ב, ז)**, גַּשְׁמִיּוּת.**

**אָבער דאָס ווערט אויך אויסגעאַרבעט** [מאחד לחבירו, דעל ידי עבודות ה' מהפך החומר לצורה, וההיפוך על ידי חטאים עושין פְּגַם גם בהנפש].

[וכעין ווי] **דער רמב"ם זאָגט דאָך**[מ] **אפילו די גַּלְגַּלִּים און די יְסוֹדוֹת, דאָרטן וואו זיי זענען נאָנט** [זה לזה, איז] **מיט אַ צייט ווערט עס נִתְהַפֵּךְ פון איין יְסוֹד צום אַנדערן, ווייל ס'איז צוזאַמען.**

---

[לט] והוא גם כן קרוב לאופן הראשון, ובתוספות והשלמת ביאור.

[מ] **ברמב"ם** (יסודי התורה ג, א-ב י)**: הגלגלים הם הנקראים שמים ורקיע וזבול וערבות וכו'. כל גלגל וגלגל** משמונה הגלגלים שבהם הכוכבים נחלק לגלגלים הרבה זה למעלה מזה, כמו גלדי בצלים, מהן גלגלים סובבים ממערב למזרח ומהן סובבים ממזרח למערב, כמו הגלגל התשיעי החוזר ממזרח למערב, וכולן אין ביניהם מקום פנוי. ○ ברא הָקֵל למטה מגלגל הירח גולם אחד שאינו כגולם הגלגלים, **וברא ארבע צורות** לגולם זה, ואינן כצורת הגלגלים, ונקבע כל צורה וצורה במקצת גולם זה. **צורה ראשונה צורת האש**, נתחברה במקצת גולם זה, ונהיה משניהן **גוף האש. וצורה שניה צורת הרוח**, נתחברה במקצתו ונהיה משניהן **גוף הרוח. וצורה שלישית צורת המים**, נתחברה במקצתו ונהיה משניהם **גוף המים. וצורה רביעית צורת הארץ**, נתחברה במקצתו ונהיה משניהם **גוף הארץ.** נמצא למטה מן הרקיע **ארבעה גופין** מוחלקין זה למעלה מזה, וכל אחד ואחד מקיף את שלמטה ממנו מכל רוחותיו, כמו גלגל הגוף הראשון הסמוך לגלגל הירח הוא **גוף האש**, למטה ממנו **גוף הרוח**, למטה ממנו **גוף המים**, למטה ממנו **גוף הארץ**, ואין ביניהם מקום פנוי בלא גוף כלל.

**ועוד שם** (ד, א-ב ה-ו)**:** ארבעה גופים הללו שהם **אש ורוח ומים וארץ**, הם **יסודות כל הנבראים** למטה מן הרקיע, וכל שיהיה מאדם ומבהמה ועוף ורמש ודג וצמח ומתכת ואבנים טובות ומרגליות ושאר אבני בנין והרים וגושי עפר, הכל גולמן מחובר **מארבעה יסודות הללו**. נמצאו כל הגופים שלמטה מן הרקיע חוץ מארבעה יסודות האלו, מחוברים מגולם וצורה, וגולם שלהם מחובר מארבעה יסודות האלו, אבל כל אחד מארבעה היסודות, אינו מחובר אלא מגולם וצורה בלבד. ○ דרך **האש והרוח** להיות מהלכם ממטה מטבור הארץ למעלה כלפי הרקיע, ודרך המים והארץ להיות מהלכם מתחת הרקיע למטה עד לאמצע, שאמצע הרקיע הוא המטה שאין למטה ממנו וכו'. ומפני שהם יסודות לכל גופים שתחת הרקיע ימצא כל גוף וגוף מאדם ובהמה וחיה ועוף ודג וצמח ומתכת ואבן, גולמו מחובר **מאש ורוח ומים ועפר**, וארבעתן יתערבו ביחד וישתנו כל אחד מהם בעת העירוב, עד שימצא המחובר מארבעתן אינו דומה לאחד מהן כשהוא לבדו, ואין במעורב מהן אפילו חלק אחד שהוא אש בפני עצמו או מים בפני עצמן או ארץ בפני עצמה או רוח בפני עצמה, אלא הכל נשתנו ונעשו גוף אחד. וכל גוף וגוף המחובר מארבעתן ימצא בו קור וחום לח ויבש כאחד, אבל יש מהם גופים שיהיה בהם חזקה מיסוד האש, כמו בעלי נפש חיה, לפיכך יראה בהם החום יתר. ויש מהן גופין שיהיה בהן חזקה מיסוד הארץ, כמו האבנים, לפיכך יראה בהם היובש הרבה. ויש מהן גופין שיהיה בהן חזקה מיסוד המים, לפיכך יראה בהם הלח יתר וכו'. ○ **ארבעה יסודות האלו מִשתנים זה לזה תמיד בכל יום ובכל שעה**

KolSatmar.com

מז

ולכן מי שהולך אחר צרכי 'הגוף', עושה פְּגַם גם 'בנפש' שלו,
עד שצריך אחר כך להזדכך כדי להיות הנפש חוזרת למעלתה

**אַזוי איז דאָך דער כְּלָל. אַז מ'גייט נאָך די צָרְכֵי 'הַגּוּף', און מ'איז זיך מְגַשֵׁם, איז מען דאָך מְגַשֵׁם דאָס 'נֶפֶשׁ' אויכעט, ס'איז נֶפֶשׁ לֹא מְטֹהָרָה**[מא]**.**

[און] **איבערדעם ברויך מען דאָך ליידן און סוֹבֵל זיין די יִסוּרִים, און גֵיהִנֹּם וכדומה,** [בכדי] **אַז ס'זאָל צוריק אויסגעלייטערט ווערן** [דאָס נפש]**.**

מח

ולעומת זה מי שעובד את ה' ומשבר את הטבע ומדותיו הרעים, הרי הוא מזכך גם את 'הגוף' שלו, עד שגם יסודי הגוף מתעלים ומזדככים להיות כלים רוחניים. וכמו שהיה כמה מדריגות אצל הצדיקים בענין זה, שהפכו את החומר לצורה, ומהם שנתעלו להיות כמלאכי השרת

**ווידעראום אַ איד אַז ער גייט נאָך צָרְכֵי 'הַנֶּפֶשׁ', און מ'דינט דעם באַשעפער,** [הרי] **מיט עֲבְדוּת ה' איז מען מְזַכֵּךְ דעם 'גוּף' אויכעט.**

**דער גוּף איז אויך נישט אַזוי** [ווייט]**, איז נישט אַזוי מְגוּשָׁם.** [כי גם הגוף מזדכך ומתעלה] **דורך אַסאַך תּוֹרָה, וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, און דורך עֲבְדוּת ה' בָּרוּךְ הוּא.**

[שהרי] **אַז מ'איז דָּבוּק אין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, איז מען דָּבוּק** [בו ית' גם] **אין די יְסוֹדֵי הַגּוּף. די ד' יְסוֹדוֹת**[מב] [הגוף] **זענען אויך דָּבוּק אין די קְדוּשָׁה, דער גוּף ווערט אויך נִשְׁתַּנֶּה** [לרוחני]**[מג].**

מט

**און אַ צַדִּיק אֱמֶת וואָס דינט דעם באַשעפער, האָט אַזאַ גוּף** [רוחני]**, דער גוּף איז אויך אַנדערש, דאָס טִבְעִיּוּת** [שלו] **איז אַנדערש. מ'איז דאָך מְשַׁנֶּה אֲפִילוּ די טֶבַע**[מד]**.**

נ

[ווי] **דער רמב"ם זאָגט**[מה] [לענין מדותיו של אדם, שיכולין להפכן לטוב]**.**

[ובצעטיל קטן כתב][מו] **כְּלָלוֹ שֶׁל דָּבָר לֹא נִבְרָא הָאָדָם אֶלָּא לְשַׁבֵּר אֶת הַטֶּבַע.**

---

מקצתן, לא כל גופן. כיצד מקצת הארץ הקרובה מן המים משתנית ומתפוררת ונעשית מים, וכן מקצת המים הסמוכים לרוח משתנין ומתמסמסין והווין רוח, וכן הרוח מקצתו הסמוך לאש משתנה ומתחולל ונעשה אש, וכן האש מקצתה הסמוך לרוח מתחולל משתנה ומתכנס ונעשה רוח, וכן הרוח מקצתו הסמוך למים משתנה ומתכנס ונעשה מים, וכן המים מקצתו הסמוך לארץ משתנה ומתכנס ונעשה ארץ. ושינוי זה מעט מעט, ולפי אורך הימים, ואין כל היסוד משתנה עד שיעשה כל המים רוח או כל הרוח אש, שאי אפשר שיבטל אחד מן היסודות הארבעה, אלא מקצת ישתנה מאש לרוח, ומקצת ישתנה מרוח לאש, וכן בין כל אחד וחבירו ימצא השינוי בין ארבעתן, וחוזרות חלילה לעולם.

[מא] **מלשון הפסוק ביחזקאל** (כב, כד)**: בֶּן אָדָם אֱמָר לָהּ אַתְּ אֶרֶץ לֹא מְטֹהָרָה הִיא, לֹא גֻשְׁמָהּ בְּיוֹם זָעַם.** [ומפרש הרד"ק: שלא טהרה עצמה מטומאתה, כלומר שלא עשתה תשובה].

[מב] אש, מים, רוח, עפר.

[מג] ועיין **בחובת הלבבות** (שער הבחינה פ"ה, ושער עבודת האלקים פ"ט, ושער הפרישות פ"א) **ובמפרשים שם.**

[מד] ועיין **באורח לצדיק בפרשתן** וז"ל: **דהנה הגוף והנשמה, יש לכל אחד מעלה על חבירו לקנות שלימותו לעבודת הבורא, דהיינו הגוף יש לו מעלה על הנשמה בעבודה ובמעשה, עד שמעלה הנשמה לשלימות עליון, והנשמה יש לה מעלה בהתורה ובשכל עליון, עד שתגרום להגוף שיתהפך החומר לצורה. כמו ששמעתי מאאמו"ר ז"ל** (הרה"ק בעל נועם אלימלך זי"ע) **שאמר כמה פעמים, הלואי שיהיה לבני אדם נשמה טהורה מזדככת כמו הגוף שלי. וכל זה גרמה הנשמה בתורתה ובשכל עליון, עד שנעשה הגוף מרכבה שלימה לקדושתו יתברך. וזהו שאמר דוד המלך ע"ה אָחוֹר וָקֶדֶם צַרְתָּנִי, כלומר שגם הגוף שנקרא אחור, גם הוא נעשה צורה** [ועיי"ש מה שמפרש בזה בדברי המדרש בפרשתן על פסוק זה].

[מה] **ברמב"ם הל' דיעות** (א, ז)**, ובשמונה פרקים** (הקדמה למס' אבות, פרק ו)**, עיי"ש.** [כן נראה הכוונה לכאורה].

[מו] **בצעטיל קטן שבסוף ספר נועם אלימלך** (אות טז)**: האדם לא נברא בעולם רק לשבר את הטבע. לכן יזרז את עצמו לתקן מדותיו בשנת י"ח** [י"מ דהוא ר"ת ימי חורפו] **דוקא, כמו שאבאר. כגון מי שנולד בטבע של עקשנות,**

KolSatmar.com

מ׳איז דאָך מְהַפֵּךְ די טֶבַע אויכעט.

נא

דער **חובת הלבבות**[מז] זאָגט גאָר אַזוי ווייט, אַז מ׳זעט אָן אויגן, און מ׳הערט אָן אויערן.

[כאָטש] דאָס איז דאָך [פון] די אֵיבְרֵי הַגּוּף, [אָבער] די טִבְעִיִּים, די טִבְעֵי הַגּוּף ווערן אויך נִשְׁתַּנֶּה, דורך עֲבוֹדוֹת ה׳ בָּרוּךְ הוּא.

נב

מ׳זעט[מח] אַזעלעכע [צדיקים] וואָס זענען גאָר געווען נִכְנְסוּ חַיִּים לְגַן עֵדֶן, ׳מיטן׳ גוּף. [ווייל] אַזוי ווי דאָס נֶפֶשׁ, אַזוי איז דער גּוּף אויך ביי ׳די קְדוֹשִׁים׳ אויסגעאַרבעט געוואָרן.

נג

[ומצינו] ביי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ שטייט[מט] [דער לשון] מֵחֶצְיוֹ וּלְמַעְלָה אֱלֹקִים[נ].

---

ישבר את טבעו מ׳ יום רצופים לעשות דוקא להיפך ממה שיעלה במחשבתו. וכן מי שבטבע עצל, ירגיל את עצמו מ׳ יום רצופים לעשות כל דבר בזריזות וכו׳. וכן מי שטבעו ביישן, מהחלק של בושה רעה, ירגיל את עצמו מ׳ יום להתפלל דוקא בקול רם וכח תנועת אבריו וכו׳, עד שיעזרוהו מן השמים להסיר הבושה הרעה ממנו. וכן מי שאמרי פיו אינם עולים יפה ומסודר, מחמת הרגל טבעו וכלי הדבור שלו, ירגיל את עצמו מ׳ יום להטות אזנו להדיבורים היוצאים מאליו, הן במילי דעלמא והן במילי דשמיא, הן בשעת לימוד, **כי הרגל של כל דבר נעשה שלטון**. וכן מי שטבעו אינו מתמיד בלימודו, ירגיל את עצמו גם כן מ׳ יום וילמוד יותר מהרגל שלו, ויסתכל בכל פעם קודם הלימוד שלו **בצעטיל** קטן שלי. **ומשם ואילך מן השמים יעזרוהו להיות מוסיף והולך בשבירת מדות הרעות, עד תומם.**

[מז] **בחובת הלבבות** (שער חשבון הנפש פ"ג): והעשירי, **חשבון האדם עם נפשו בהשקפת הבורא, על נגלהו ונסתרו**, ושהוא רואה אותו וזוכר כל מעשיו, ומה שעובר על לבו מן המחשבות הטובות והרעות. ויהיה מפחד תמיד ממנו, ומשתדל לתקן נגלהו ונסתרו לאלקים יתברך. וימשול בזה, אילו היה משקיף עליו אדם ושומר תנועותיו תמיד, הנכון היה לו לעשות דבר שימאסהו האדם ההוא השומר עליו, וכל שכן אם יש לו טובה וחסד עליו, וכל שכן אם הוא אדונו. כל שכן, שיהיה בוראו המשקיף עליו, כמה הוא חייב להיכלם ולהתבושש לפניו, ולהיזהר מהמרותו, ולמהר לעבודתו, ולסבב רצונו ואהבתו וכו׳. ○ ואמר הכתוב (קהלת ה, א) בענין היראה מהשקפת הבורא, אַל תְּבַהֵל עַל פִּיךָ וְלִבְּךָ אַל יְמַהֵר לְהוֹצִיא דָבָר לִפְנֵי הָאֱלֹקִים כִּי הָאֱלֹקִים בַּשָּׁמַיִם וְאַתָּה עַל הָאָרֶץ, ואמר (תהלים יד, ב) ה׳ מִשָּׁמַיִם הִשְׁקִיף עַל בְּנֵי אָדָם.

**וכאשר יהיה הענין הזה שב אל רעיון המאמין תמיד**, ויחשוב המאמין תדיר עם נפשו עליו, **יהיה הבורא יתברך נמצא עמו במצפונו**, יראהו בעין שכלו, ויהיה ירא אותו תמיד ומרוממו, ובוחן את מעשיו, וחוקר את פעליו בהנהגת בריותיו, המעידות על גדולתו ורוממותו וחכמתו ויכלתו. **וכאשר יתמיד על זה**, יניח הבורא לו מעצבו, וירגיע לבו מפחדו, **ויפתח לו שערי ידיעתו, יגלה לו סודות חכמתו**, וישים עיניו על הדרכתו והנהגתו, ולא יניחהו לעצמו וליכלתו, כמו שאמר במזמור ה׳ רֹעִי לֹא אֶחְסָר (תהלים כג) עד סופו. **ויהיה במדרגה העליונה ממדרגות החסידים ובמעלה הרמה ממעלות הצדיקים, ויראה מאין עין, וישמע מבלי אוזן, וידבר בלי לשון, וירגיש בענינים מבלתי חושים**, וישער בהם מבלעדי הַקֻּשְׁיָה, ואיננו קָץ במאומה מענינו, ולא בוחר ענין יותר מענין ממה שבחר הבורא, **תולה רצונו ברצון הבורא ואהבתו באהבתו**, והנאהב אצלו מה שאהוב לו, והנמאס אליו מה שמאוס לו. ובכמוהו אמר החכם (משלי ח, לד) אַשְׁרֵי אָדָם שֹׁמֵעַ לִי לִשְׁקֹד עַל דַּלְתֹתַי יוֹם יוֹם, ואמר (שם, לה) כִּי מֹצְאִי מָצָא חַיִּים וַיָּפֶק רָצוֹן מֵה׳. [ועיין עוד שם בפרק ו].

[מח] **במסכת דרך ארץ** (סוף פרק א): **תשעה נכנסו בחייהם בגן עדן**, ואלו הן, חנוך בן ירד, ואליהו, ומשיח, ואליעזר עבד אברהם, וחירם מלך צור, ועבד מלך הכושי, ויעבץ בנו של רבי יהודה הנשיא, ובתיה בת פרעה, וסרח בת אשר. ויש אומרים אף רבי יהושע בן לוי. [וגירסת הראשית חכמה (בחופת אליה רבה): **תשעה נכנסו בחייהם לגן עדן ולא טעמו טעם מיתה**, בנימין בן יעקב, **כלאב בן דוד**, סרח בת אשר, בתיה בת פרעה, אליעזר עבד אברהם, ועבד מלך הכושי, ואליהו, ויעבץ בנו של רבי יהודה הנשיא, ויש אומרים אף רבי יהושע בן לוי].

**ובילקוט שמעוני יחזקאל** (רמז שסז): **שלשה עשר הם שלא טעמו טעם מיתה.** אלו הם, חנוך, ואליעזר עבד אברהם, ומתושלח, וחירם מלך צור, ועבד מלך הכושי, ובתיה בת פרעה, וסרח בת אשר, ושלשה בני קרח, ואליהו זכור לטוב, ומשיח, ור׳ יהושע בן לוי. **תשעה נכנסו בחיים לגן עדן וכו׳** [וכדלעיל במסכת דרך ארץ, ומסיים] ויש אומרים הוצא חירם, והכנס תחתיו ר׳ יהושע בן לוי. [ועובדא דר׳ יהושע בן לוי מבואר בגמרא כתובות (עז:)].

[מט] **בדברים רבה** (יא, ד): [וְזֹאת הַבְּרָכָה] אֲשֶׁר בֵּרַךְ מֹשֶׁה (ברכה לג, א) זה משה, **אִישׁ הָאֱלֹקִים** (שם), זה הקב"ה

KolSatmar.com

[נאָר] על כל פנים דאָס שמועסט מען דאָך נישט, דאָס איז דאָך גאָר הויעך.

נד

**נאָר אֲפִילוּ וואָס ס'איז נישט די בְּחִינָה, און ס'איז ווייט פון די בְּחִינָה, אָבער עַל כָּל פָּנִים 'עפּעס' אַ בְּחִינָה [פון] קְדוּשָׁה ווערט נִשְׁפַּע אויפן גוּף אויכעט.**

**איבערדעם ווערט דער גוּף אויך שוין אַ חֵלֶק אֱלֹקִים. אַ בְּחִינָה פונעם חֵלֶק אֱלוֹקַ מִמַּעַל ליגט שוין אין גוּף אויכעט.**

נה

ואיתא בתוספות בטעם דנדרים ונדבות אין קרבין ביום טוב, דאף שיש בהם חלק לבעלים, מכל מקום כיון שיש בהם גם חלק לגבוה, נטפל חלק הבעלים לחלק הגבוה עד שגם חלק הבעלים הוא רק משלחן גבוה קאי זכי, ולכן אסור להקריבן ביו"ט

[והנה] **תוספות זאָגט דאָך אין ביצה**[נא] **ביי** [די סוגיא פון] **נדרים ונדבות קרבין ביום טוב,** [אַז] **ווייל אַז ס'איז דאָ דערינען אַ חֵלֶק לְגָבוֹהַּ ווערט דער חֵלֶק הֶדְיוֹט בָּטֵל קעגן חֵלֶק גָּבוֹהַּ, ווייל ס'איז דאָ דערינען** [חלק לגבוה].

**ווייל ס'שטייט** [בלשון הגמרא] **מִשֻּׁלְחָן גָּבוֹהַּ קָא זָכֵי,** [ועל זה ביארו התוספות] **ווייל מיטן קָרְבָּן האָבן די כֹּהֲנִים** [והבעלים] **אויך אַ חֵלֶק,** [אָבער] **אַז ס'איז דאָ דערינען אַ חֵלֶק גָּבוֹהַּ, הייסט עס 'אינגאַנצן' מִשֻּׁלְחָן גָּבוֹהַּ** [קָא זָכֵי], **ווייל דעס חֵלֶק הֶדְיוֹט ווערט בָּטֵל לְגַבֵּי חֵלֶק גָּבוֹהַּ** [ולכן נדרים ונדבות אסור לשחטן ביו"ט, ואף בקדשים קלים שהם נאכלים גם לבעלים, דמכל מקום השחיטה ושאר העבודות מקרי שהוא לגמרי לצורך גבוה, ולא דמי לבהמה שהוא בשותפות נכרי וישראל, דמותר לשחטה ביו"ט משום חלק הישראל].

נו

וכמו כן בגוף של הצדיק ועובד ה', אף שיש בזה כח גשמי, אבל כיון שהוא נטפל להנפש בעבודת ה', הרי גם הגוף נקרא ומתחשב לבחינת הנפש

**אַזוי** [לענינינו], **אַז דער גוּף באַקומט אין זיך אַ קְדוּשָׁה** [וואָס איז] **אַ בְּחִינָה פונעם נֶפֶשׁ, איז 'דאָס' דער עִיקָר. אֲפִילוּ ס'איז נאָך דערינען אַ כֹּחַ גַּשְׁמִי, אָבער דער עִיקָר ווערט גערעכנט וואָס ס'איז דערינען דעם חֵלֶק גָּבוֹהַּ וואָס ס'ליגט דערינען אין גוּף,** [ולכן] **ווערט דער גוּף אויך שוין גערעכנט, צוגערעכנט צו די בְּחִינַת הַנֶּפֶשׁ.**

---

שנאמר (בשלח טו, ג) ה' אִישׁ מִלְחָמָה וכו'. ○ דבר אחר וְזֹאת הַבְּרָכָה, אמר רבי תנחומא אם אלקים למה איש ואם איש למה אלקים, אלא בשעה שהיה הושלך ליאור של מצרים, איש, ובשעה שנהפך לדם, האלקים. ○ דבר אחר בשעה שברח מלפני פרעה, איש, ובשעה ששיקעו, אלקים. ○ דבר אחר בשעה שעלה לרקיע, איש, ומהו איש, לפני המלאכים שכולן אש, ובשעה שירד מן הרקיע, אלקים. מניין, שכתוב (תשא לד, ל) וַיִּירְאוּ מִגֶּשֶׁת אֵלָיו. דבר אחר בשעה שעלה לרקיע אלקים, כשם שאין המלאכים אוכלין ושותין, אף הוא לא אוכל ולא שותה, מניין, שנאמר (שם, כח) וַיְהִי שָׁם עִם ה' וגו'. ○ דבר אחר מהו אִישׁ הָאֱלֹקִים, אמר רבי אבין מחציו ולמטה איש, מחציו ולמעלה האלקים.

[נ] פירוש כמלאך רוחני.

[נא] דאיתא בגמרא ביצה (כא.): בעא מניה רב אויא סבא מרב הונא, **בהמה חציה של נכרי וחציה של ישראל,** מהו לשחטה ביום טוב. אמר ליה מותר. אמר ליה וכי מה בין זה **לנדרים ונדבות** [פירש"י: שחציין לו וחציין לגבוה, ואסור לשוחטן מפני חלק גבוה] וכו'. וטעמא מאי, בהמה חציה של נכרי וחציה של ישראל מותר לשחטה ביום טוב, דאי אפשר לכזית בשר בלא שחיטה. **אבל נדרים ונדבות אסור לשחטן ביום טוב, דכהנים כי קא זכו משלחן גבוה קא זכו** [בחזה ושוק, והוא הדין לבעלים בשאר הבשר, כעבד הנוטל פרס מבית רבו, נמצאת כל השחיטה לשם גבוה].

ועל זה כתבו התוספות שם: אבל נדרים ונדבות כי קא זכו, משלחן גבוה קא זכו. כהנים בחזה ושוק, והישראל בבשר, משלחן גבוה, כעבד שנוטל פרס מרבו, כן פירש רש"י. ○ ואפילו לרבי יוסי הגלילי דקאמר קדשים קלים ממון בעלים הן בבבא קמא (יב:) וכו', מכל מקום אותו ממון זכה משלחן גבוה. דהא עיקר הקרבן בשביל גבוה. והלכך נהי דהוי ממונו לקדש בו את האשה, מכל מקום כל העבודות **לצורך גבוה הם עושים.**

KolSatmar.com

נז

### ישוב קושיא א (באופן שני)

ולכן באם זָכָה האדם במעשיו, אזי גם על 'הגוף' אוֹמְרִים לוֹ אַתָּה קִדַּמְתָּ לְכָל מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כי גם הגוף שלו נתעלה להיות בבחינת הנפש אשר קדמה למעשה בראשית. ומתייחס הכל אחר הנפש שהוא העיקר אצלו

איבערדעם איז רעכט. טאַקע אויפן גוּף אַליין זאָגט מען, זָכָה אוֹמְרִים לוֹ אַתָּה קִדַּמְתָּ לְכָל מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, ווייל ס'ליגט דאָך דערינען שוין אַ חֵלֶק גָּבוֹהַּ וואָס ס'האָט זיך 'אַריינגעאַרבעט' [אינעם גוף] פון דער עֲבוֹדָה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, איז דאָס שוין נִקְרָא עַל שֵׁם זֶה פון דעם חֵלֶק אֱלוֹקַ מִמַּעַל וואָס ס'איז געווען 'פְּאַר' אַלעמען, [וממילא] זאָגט מען שוין אַתָּה קִדַּמְתָּ אויפן גאַנצן, אֲפִילוּ אויפן גוּף.

נח

ולהיפוך אם לֹא זָכָה, ונעשה מגושם יותר, הרי נִתְגַּשֵּׁם אצלו גם הנפש, ולכן גם על 'הנפש' אוֹמְרִים לוֹ יַתּוּשׁ קְדָמְךָ, כי מתייחס הכל אחר הגוף שהוא העיקר אצלו

אָבער [אויב] חָלִילָה לֹא זָכָה, איז דאָך פאַרקערט.

דער גוּף איז דאָך מְגוּשָּׁם אַזוי ווי ער איז געווען [בתחילת היצירה] עָפָר מִן הָאֲדָמָה, אַזוי ווי ער איז באַשאַפן געוואָרן. און ער האָט נאָך מְגַשֵּׁם געווען 'דאָס נֶפֶשׁ' אויכעט[נב]. ממילא זאָגט מען יַתּוּשׁ קְדָמְךָ. וואָרן דאָס גַּשְׁמִיּוּת וואָס דער גוּף איז נִתְגַּשֵּׁם, און ער איז נאָך מער נִתְגַּשֵּׁם געוואָרן ווי ווען ער איז געבוירן געוואָרן, ער איז נאָך מער אין די עִמְקֵי הַקְּלִפּוֹת דורך די עֲוֹנוֹת, ה' יִשְׁמְרֵנוּ, ממילא איז טאַקע יַתּוּשׁ קְדָמוֹ.

[ולכן באם] לֹא זָכָה אוֹמְרִים לוֹ יַתּוּשׁ קְדָמְךָ [גם על הנפש, ווייל] ס'ווערט נִתְהַפֵּךְ [גם הנפש].

נט

### ישוב קושיא ב

ואתי שפיר הסמיכות לפרשת היולדת [וכן פרשת הנגעים], דמשם רואין ענין ההתפכות והתחלפות מן הרע אל הטוב, אשר כמו כן הוא ענין התעלות הגוף להיות בבחינת הנפש, או ח"ו להיפוך באם לא זכה

[וממילא] האָט דאָס אַ שייכות [דרשת המדרש בפסוק אָחוֹר וָקֶדֶם צַרְתָּנִי] מיטן [פסוק] אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ, [ווייל] דאָ זעט מען - ווי דער באר מים חיים זאָגט - אַז ס'קאָן נִתְהַפֵּךְ ווערן [מטמא לטהור], ס'ווערט נִתְהַפֵּךְ, פונעם דַּם ווערט טַהֲרָה, [אַז] ס'איז דַּם טֹהַר. [ועל זה מביא במדרש דזה רומז גם על ענין התהפכות הנפש לרע על ידי עבירות, ולטוב על ידי התשובה ומעשים טובים].

ס

### הקדמה לישוב קושיא ג-ד

כמה סימני טומאה וטהרה ישתנו לעתיד, וכמו שאמרו בענין החזיר והאריה

דאָס קען זיין [בביאור דברי המדרש דתורתו של אדם מתפרשת אחר תורת בהמה וחיה].

[דהנה] די אַלע בְּהֵמוֹת וְחַיּוֹת טְמֵאוֹת וואָס שטייט אין די פריערִיגע סדרה (פרשת שמיני), איז דאָ אַזאָלעכע חַיּוֹת וואָס זיי וועלן לֶעָתִיד זיין טָהוֹר.

[וכדאיתא כי] עָתִיד חֲזִיר לְטַהֵר[נג], [ווייל] ס'וועט באַקומען אַנדערע סִימָנִים, אַז ס'וועט נִתְהַפֵּךְ ווערן דאָס טִבְעִיּוּת פונעם חֲזִיר, ממילא וועט עס זיין טָהוֹר[נד].

---

[נב] ועיין בישמח משה ריש מסעי, בביאור הפסוק וַיֵּלְכוּ אַחֲרֵי הַהֶבֶל וַיֶּהְבָּלוּ (ירמי' ב, ה).

[נג] כן הוא בתנחומא (ישן מכ"י, שמיני סימן יד), וכדהובא כן ברבינו בחיי (שמיני יא, ד) בשם מדרש תנחומא. ובחידושי הריטב"א (קידושין מט:) כתב שכן אמרו בהגדה. וכן נמצא בכמה ספרים בשם חכז"ל או מדרש.

KolSatmar.com

סא

[ביי] **אַ לייב** שטייט דאָך אויכעט אַזוי אין **ספר הפליאה**[נה], ער איז בְּעֶצֶם, איז ער פונעם מְקוֹר הַטַּהֲרָה, נאָר ווייל ער עסט אַזויפיל טְמֵאִים [לכן הוא טמא. אמנם] לֶעָתִיד וועט זיין **וְאַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל תֶּבֶן** (ישעי׳ יא, ז), וועט ער אויך זיין טָהוֹר [כַּבָּקָר].

ער זאָגט, [דהנה האריה] ער איז אויבן [בשמים] פון די [ד׳] חַיּוֹת פון די מֶרְכָּבָה, פון די קְדוּשָּׁה, [ואם כן לכאורה] ווי קען זיין אַ חַיָּה טְמֵאָה און ס׳איז פון די ד׳ חַיּוֹת פון די מֶרְכָּבָה.

[איבערדעם] זאָגט ער ווייל בְּעֶצֶם [בשורשו] איז עס טָהוֹר, נאָר **דאָ אָט** [בעולם הזה] ווערט ער נאָר טָמֵא ווייל ער עסט כְּסֵדֶר בְּהֵמוֹת וְחַיּוֹת טְמֵאוֹת, [און] פון דעם ווערט ער טָמֵא.

ממילא לֶעָתִיד וועט דאָך דאָס אַלעס נִשְׁתַּנֶּה ווערן.

סב

ומדברי הרמב״ן נראה, שגם שאר כל הטמאים יתהפך טבעם לעתיד לבא שלא לטרוף ולדרוס, עד שישתנו להיות טהורים. כי כן היה בתחילת הבריאה, ורק מחמת חטאי בני אדם הוא שנתהפכו להיות דורסים בזמן הזה

אָבער זעען זעט גאָר אויס נאָך מער [דאף שאר כל הטמאים עתידין ליטהר].

[דהנה] דער **רמב״ן** זאָגט[נו] [על הפסוק] **וְהִשְׁבַּתִּי חַיָּה רָעָה מִן הָאָרֶץ**, [דהכוונה] ס׳וועט זיך אויפהערן ׳דעס׳ טִבְעִיּוֹת [שלהם לטרוף טרף].

---

[נד] ועיין **בעשרה מאמרות** (להרמ״ע, מאמר חיקור דין ח״ד, פרק יג) וז״ל: **כי המציאות לא ישוב העדר, וצריך לטהרם, כטהרת החזיר, שעתיד הקב״ה לחדש בריאתו בשני סימנים, שעכשיו אינו אלא מפריס פרסה, והוא עתיד להעלות גרה וכו׳.**

[נה] **וכמובא בישמח משה פרשת בחוקותי** (עה״פ והשבתי חיה רעה) וז״ל: והנראה לי על פי מה שכתב **היערות דבש** (ח״ב דרוש ד), דמבואר שם דאם אמרינן קמא קמא בטיל, בהמה שנתפטמה באיסור מותרת, ואם אמרינן חוזר וניעור, בהמה שנתפטמה באיסור אסורה. והנה מבואר עוד **שם** (דרוש ח) **בשם ספר הפליאה** (המיוחס לרבי אביגדור קרא מפראג), דלכך נאסר אריה, משום דמאכלו חיות טמאות, אבל מצד עצמותו טהור הוא, ולכך פני אריה הוא במרכבה, עיין שם. ○ ועל פי זה נראה לי לבאר פירוש הפסוק **וְאַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל תֶּבֶן**. דקשה מה לן בזה מה שיהיה מאכלו, לא הוה ליה לומר רק דלא יזיק, כמו שאמר (בישעי׳ שם, ה-ו) על דֹּב וּכְפִיר וּמְרִיא. ועוד קשה למה לו הדמיון הזה לומר כבקר, והיה די לומר ואריה יאכל תבן. לכך נראה לי, דהא על פי המבואר **בספר הפליאה** מובן, דלעתיד דלא יהיה מאכל אריה רק תבן, ממילא דיהיה טהור דהא בעצמותו טהור הוא, והיינו **וְאַרְיֵה כַּבָּקָר**, רצ״ל דיהיה טהור כבקר, ולמה, על זה אמר **יֹאכַל תֶּבֶן**, רצ״ל משום שיאכל תבן.

[נו] **ברמב״ן בחקותי** (כו, ו): **וְהִשְׁבַּתִּי חַיָּה רָעָה מִן הָאָרֶץ**. על דעת **רבי יהודה** (תורת כהנים בחקותי שם) **שאמר מעבירן מן העולם**, הוא כפשוטו, שלא יבואו חיות רעות בארצם, כי בהיות השבע וברבות הטובה והיות הערים מלאות אדם, לא תבאנה חיות בישוב. ועל דעת **רבי שמעון** (שם) **שאמר משביתן שלא יזיקו**, יאמר **וְהִשְׁבַּתִּי ׳רָעַת החיות׳ מִן הָאָרֶץ**. ○ **והוא הנכון, כי תהיה ארץ ישראל בעת קיום המצות, כאשר היה העולם מתחילתו**, קודם חטאו של אדם הראשון, **אין חיה ורמש ממית אדם**, וכמו שאמרו (ברכות לג.) **אין ערוד ממית אלא חטא ממית**. וזה שאמר הכתוב (ישעי׳ יא, ח) **וְשִׁעֲשַׁע יוֹנֵק עַל חֻר פָּתֶן**, וכן **וּפָרָה וָדֹב תִּרְעֶינָה** [יַחְדָּו יִרְבְּצוּ יַלְדֵיהֶן] **וְאַרְיֵה כַּבָּקָר יֹאכַל תֶּבֶן** (שם, ז), **כי לא היה הטרף בחיות הרעות, רק מפני חטאו של אדם, כי נגזר עליו להיות טרף לְשִׁנֵּיהֶם, והושם הטרף טבע להם גם לטרוף זו את זו**, כידוע כי בטרפם האדם פעם אחת יוסיפו להיות רעים יותר, וכן אמר הכתוב (יחזקאל יט, ג) **וַיִּלְמַד לִטְרָף טֶרֶף אָדָם אָכָל**. ○ והנה בבריאתו של עולם נאמר בחיות שנתן להם העשב לאכלה, דכתיב (בראשית א, ל) **וּלְכָל חַיַּת הָאָרֶץ וּלְכָל עוֹף הַשָּׁמַיִם וּלְכֹל רוֹמֵשׂ עַל הָאָרֶץ אֲשֶׁר בּוֹ נֶפֶשׁ חַיָּה אֶת כָּל יֶרֶק עֵשֶׂב לְאָכְלָה**, ואמר הכתוב (שם) **״וַיְהִי כֵן״**, כי הוא הטבע אשר הושם בהם לעד. ואחר כך למדו הטרף מפני החטא הממית, כאשר פירשתי. וכשהותר שחיטת בעלי החיים לבני נח אחרי המבול והזהיר על האדם (נח ט, ה) **וְאַךְ אֶת דִּמְכֶם לְנַפְשֹׁתֵיכֶם אֶדְרֹשׁ וגו׳ אֶת נֶפֶשׁ הָאָדָם**, ולא נפש חיה מיד חיה בחברתה, נשארו על מנהגם לטרוף. **ובהיות ארץ ישראל על השלימות, תשבת רעת מנהגם, ויעמדו על הטבע הראשון אשר הושם בהם בעת יצירתם**, וכבר הזכרתי מזה בסדר תולדות נח (רמב״ן שם ט, ו). ○ **ועל כן אמר הכתוב על ימי הגואל היוצא מגזע ישי, שישוב השלום בעולם, ויחדל הטרף ורעת הבהמה וכל הרמש, כאשר היה בטבעם מתחילה**. והכוונה היתה בו על חזקיהו, שביקש הקב״ה לעשותו משיח (סנהדרין צד.), ולא עלתה זכותם לכך, **ויהיה המעשה על המשיח העתיד לבא.**

KolSatmar.com

זאָגט ער ווייל דאָס איז [געוואָרן] נאָר דורכן חֵטְא [שחטאו בני אדם], **דורכן חֵטְא איז** געוואָרן דאָס אַכְזָרִיּוּת פון די חַיּוֹת אַז זיי זענען דוֹרְסִים, [ווען] ס׳איז אַראָפּגעקומען אַכְזָרִיּוּת לְעוֹלָם **פונעם מענטש אויס** [על ידי שחטאו בני אדם].

אָבער **לֶעָתִיד** אַז ס׳וועט זיך אויפהערן דער כֹּחַ [היצר הרע והחטא שבאדם], **וועט זיך** אויפהערן ביי די בְּהֵמוֹת וְחַיּוֹת אויכעט, [אַז] זיי וועלן נישט זיין [מער] קיין דוֹרְסִים. ׳דעס׳ טְבָעִיּוּת וועט זיך אויפהערן, [דגם] בְּטִבְעִיּוּת, זיי וועלן נישט זיין קיין דוֹרְסִים, [וממילא] וועט זיין וְהִשְׁבַּתִּי חַיָּה רָעָה מִן הָאָרֶץ, [ווייל] דעס טִבְעִיּוּת וועט זיך אויפהערן. - **אַזוי זאָגט דער רמב״ן הקדוש.**

סג

לפי זה קומט דאָך אויס, וואָרן איינס פון די סִימָנֵי טוּמְאָה [בעופות] איז דאָך אַז **ס׳איז דוֹרֵס**[נז], און אַז דאָס וועט זיך אויפהערן, ס׳וועט באַקומען אַן אַנדער טִבְעִיּוּת, קאָן זיין וועט גאָר אַלעס טָהוֹר ווערן, קומט אויס.

נאָר קאָן זיין ס׳איז נישט [שיטהרו כולם] אויפּאַמאָל, [ולכן אמרו כן דייקא על האריה וחזיר, דהכוונה כי] דעס וועט זיין **פריער**, איבערדעם רעכנט מען נאָר די, אַלע די זאַכן [שיוקדמו להטהר][נח].

אָבער [באמת] **לֶעָתִיד** קען זיין וועט זיך **אינגאַנצן** אויפהערן [טבע הדריסה והטומאה מכל הבהמות וחיות ועופות].

סד

וכן מצינו בגמרא ענין ההתפכות מטהור לטמא בבעלי חיים, בענין תרנגולתא דאגמא, שמתחילה אמרו חכמים שהוא עוף טהור, עד שראו שהוא דורס וטמאוהו. וכבר ביארתי כי לא טעו ח״ו בזה מתחילה, אלא שבאמת נתהפך טבעו להיות דורס, מחמת ירידת הדורות שחטאו בני אדם

[ומצינו עוד ענין התהפכות בבעלי חיים גם בזמן הזה. דהנה] מ׳זעט אין **די גמרא**[נט], - **נאָר** אויף דעם איינעם פלאַץ געפינט מען אין חכמינו ז״ל אַז ס׳איז געווען עפּעס אַ טָעוּת אין וואָס זיי האָבן גע׳פַּסְקֶ׳עט, - זיי האָבן גערעכנט אויף אַ חַיָּה דאָרטן [תַּרְנְגוֹלְתָא דְּאַגְמָא] אַז ס׳איז טָהוֹר, און דערנאָך האָבן זיי געזען [ווי] ס׳האָט דוֹרֵס געווען, האָבן זיי דערויף חֲרָטָה געהאַט און זיי האָבן געזאָגט ס׳איז טָמֵא[ס].

מ׳געפינט נישט נאָך אין די גמרא אַזאַ מִין [זאַך], אַז חָלִילָה די חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל זאָלן נישט קומען דערויף [מתחילה].

[אמנם כבר ביארתי בזה[סא], כי באמת גם בזה לא טעו אף מעיקרא, אלא שמקודם היה באמת עוף

---

[נז] כמבואר **בגמרא חולין** (סה.): תניא רבן גמליאל אומר, **דורס ואוכל, בידוע שהוא טמא**, יש לו אצבע יתירה וזפק וקרקבנו נקלף, בידוע שהוא טהור וכו׳.

[נח] **ועיין עוד ביאור בזה בדברי יואל שמיני** (עמוד רס).

[נט] **בגמרא חולין** (סב:): אמר רב פפא, **תַּרְנְגוֹלָא דְּאַגְמָא אֲסִירָא, תַּרְנְגוֹלְתָא דְּאַגְמָא שַׁרְיָא**. דרש מרימר, **תַּרְנְגוֹלְתָא דְּאַגְמָא אֲסִירָא, חַזְיוּהָ דְּדָרְסָה וְאָכְלָה** [פירש״י: ראוה חכמים שדורסת ואוכלת] , והיינו גירותא [דאמרינן לקמן בפרק כל הבשר (חולין קט:) אסר לן גירותא, שרא לן לישנא דכוורא, שטעמו כטעמון].

[ס] **כדמשמע בפשטות הסוגיא, ובתוספות שם וז״ל: חזיוה רבנן דדרסה ואכלה. מתחלה היו סבורים דלא דרסה ואכלה, ובהאי סימנא לחודיה היו אוכלים אותו וכו׳.**

[סא] **בס״ג שמיני תשי״ג** (לשון קדשו קונטרס קמה, מן אות לו) **ותשי״ח, ובס״ג נח תשט״ו** (קונטרס קסז, ח״א). **ועיין זה גם בס״ג שמיני תשכ״א** (קונטרס קפח), **וס״ג נשא תשכ״ד** (קונטרס רעד), **ובפתיחה נח תשכ״ה** (קונטרס רנז ח״א), **וס״ג נח תשכ״ז** (ובדברי יואל עמוד קלב-קלב).

KolSatmar.com

טהור, ואחר כך מחמת התגשמות אנשי העולם וירידת הדורות, נתהפך מין זה לטמא. והרי כי שייך ענין ההתפכות בבעלי חיים גם בזמן הזה].

סה

- [ועוד ביאור] האָב איך געזאָגט[סב] פאַרוואָס, [ווייל] מ'האָט אונז געוויזן אַז די סִימָנֵי טוּמְאָה זענען אַזוי באַהאַלטן, די סִימָנֵי דְּרִיסָה, [אַז] ס'קאָן זיך באַהאַלטן פאַר יעדן, ס'האָט אַזאַ כֹּחַ ס'קאָן זיך אַמאָל באַהאַלטן אַז ס'זאָל עס 'קיינער' נישט זען, [עד כדי כך אַז] די חַכְמֵי הַתְּנָאִים האָבן עס אויך נישט אינאַכט גענומען, [נאָר] דערנאָך האָט מען זיי [דאָס] געוויזן.

זעט אויס מ'האָט געוויזן [דערמיט] מִן הַשָּׁמַיִם ווי ווייט דאָס איז אַזאַ 'טיפע' זאַך [אַז] מ'זאָל וויסן וואו ס'ליגט די כּוֹחוֹת הַטוּמְאָה. האָט מען 'דאָס' געוויזן פאַר די הייליגע חֲכָמִים [עד כמה צריכין זהירות בהבחנת עניני טומאה וטהרה]. -

סו

עַל כָּל פָּנִים ביי די בְּהֵמוֹת וְחַיּוֹת - די טְמֵאִים - זעט מען אויך אַזוי, אַז ס'איז פאַרהאַנדן אַן הִתְהַפְּכוּת. און [בפרט] לֶעָתִיד, איז אַסאַך זאַכן אַנדערש.

סז

וכבר נתבאר דענין ההתפכות בין טמא לטהור, הוא נלמד מפרשת היולדת ומן פרשת הנגעים, וכמו שביאר הבאר חיים בטעם סמיכות ב' פרשיות אלו. [ולפי האמור גם בענין תורת בהמות וחיות שבפרשת שמיני, שייך ענין זה של התהפכות]

[און] אַזוי זעט מען [ביי] אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ אויכעט אַן הִתְהַפְּכוּת, ווי דער באר מים חיים זאָגט אויף דער בְּחִינָה. [און אַז] דורך תְּשׁוּבָה, אפילו ביי נֶגַע צָרַעַת איז דאָך אויך פאַרהאַנדן [אַן הִתְהַפְּכוּת] פון נֶגַע אויף עֹנֶג.

סח

ישוב קושיא ג-ד

בשאר דיני האדם שנאמר קודם פרשת שמיני, יש לומר אין מוקדם ומאוחר בתורה. אבל בפרשת שמיני ותזריע מצורע, אשר בכולם רמוז ענין אחד של ההתהפכות בין טמא לטהור, ובין נגע וענג, לזה נתנו במדרש טעם הסדר, דכשם שיצירת האדם מתחילתו, הוא לאחר כל בהמה וחיה, כך תורתו מתפרשת אחר כל בהמה וחיה. והלשון 'מתפרשת' רומז על ההתחלקות וההתפכות, מלשון פרשת דרכים, וכן מלשון 'פירושים', שיש להתבונן בפירוש ופנימיות הדבר, להפך סדר יצירתו לטובה

איבערדעם זאָגט ער, דאָס איז דער פְּשַׁט [בדברי המדרש בטעם סידור הפרשיות, דמה שנסדר פרשת שמיני קודם פרשת תזריע מצורע, הוא מטעם דכשם שיצירת אדם הוא אחר הבהמות וחיות, כן תורתו מתפרשת אחר תורת הבהמה וחיה].

[ווייל] מילא אַנדערע הֲלָכוֹת [של בני אדם] וואָס שטייט נאָך פריער [קודם לפרשת שמיני], וואָס ס'איז אַלעס אויסגערעכנט אין די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, [הוא על דרך] אֵין מוּקְדָּם וּמְאוּחָר בַּתּוֹרָה.

אָבער [בפרשה זו] דאָס איז תּוֹרָתָן 'מִתְפַּרְשֶׁת', ס'איז דאָ דער פָּרָשַׁת דְּרָכִים, ס'איז דאָ דערינען וואָס דאַרף פֵּרוּשִׁים, לָשׁוֹן 'פָּרָשַׁת' [דרכים], אַ זאַך וואָס ס'ווערט צוטיילט, איז עס תּוֹרָתָן מִתְפַּרְשֶׁת [לאחר תורת בהמה וחיה].

ער מיינט [צו זאָגן, דכשם שיצירתו של אדם הוא באופן] אַז ס'קאָן נִתְחַלֵּק ווערן אויף בְּחִינוֹת, [און] נִתְהַפֵּךְ ווערן [מבחינת הגוף לבחינת הנפש באם זכה, או להיפוך באם לא זכה, כמו

---

[סב] עיין בזה בדברי יואל שמיני (עמוד רסב), וקרוב לזה בס"ג שמיני תשכ"א הנזכר (ובדבר"י שם עמוד רנו).

KolSatmar.com

כן] **דאָס איז ביי ׳די׳ הֲלָכוֹת, ביי די חַיוֹת טְמֵאוֹת** [שבפרשת שמיני], **און** [ביי] **דעם אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ** [שבענין טומאת לידה ודם טוהר].

[וכן] **איבערדעם האָט מען אַראָפּגעשטעלט דאָ** [אויך] **די דִינִים פון נְגָעִים, פונעם מענטש** [דהוא גם כן ענין המתהפך לנגע או לענג כפי מעשיו. והוא גם כן מאותו ענין הרמוז בפרשת יולדת] **אַז דאָס נֶפֶשׁ איז געווען פון פריער, און דער גוּף שפּעטער** (וכדלעיל בביאור המדרש שקושיא א)**, און מ׳דאַרף זיך פּלאָגן** [אַז] **מ׳זאָל דאָס מְהַפֵּךְ זיין.**

סט

[ועוד רמוז בלשון תורתו ׳מתפרשת׳, כי] **איבערדעם זאָגט ער מיט אַן אַנדער לָשׁוֹן, נישט סְתַּם ׳נֶאֶמְרָה׳.** [בכדי] **מ׳זאָל וויסן, מ׳ברויך וויסן אַז ס׳ליגט דערינען אַ פֵּירוּשׁ, מ׳זאָל קוקן אויפן ׳תּוֹכֶן׳ הָעִנְיָן, און אויפן פְּנִימִיוּת. נישט דעס וואָס מ׳זעט** [בעיני בשר].

**דאָס ליגט דאָ אין די ביידע זאַכן** [בתורת בהמה וחיה שבפרשת שמיני, ובתורת האדם שבפרשת תזריע].

ע

ישוב קושיא ה – דְרַשׁ השני

[ולבאר דברי המדרש בפסוק] **אֶשָּׂא דֵעִי לְמֵרָחוֹק, שֶׁהָיִינוּ רְחוֹקִים וְקֵרְבָנוּ** [אֵלָיו]**. דער מדרש** [וואָס] **איך האָב פריער געברענגט** (בקושיא ה)**, דעם מדרש וואָס ער זאָגט שֶׁהָיִינוּ רְחוֹקִים וְקֵרְבָנוּ אֵלָיו.**

עא

בגמרא דרשו לשון הפסוק שָׁלוֹם שָׁלוֹם ׳לָרָחוֹק וְלַקָּרוֹב׳, על הבעלי תשובה, שנתרחקו בחטאם ואחר כך נתקרבו לה׳

[יש לומר בהקדם וואָס] **די גמרא זאָגט**[סג] [אויפן פסוק] **שָׁלוֹם שָׁלוֹם** [לָרָחוֹק וְלַקָּרוֹב] (ישעי׳ נז, יט)**. אין די גמרא** [דאָרט] **איז אַ פְּלוּגְתָּא, צי בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה איז גרעסער, צי צַדִּיק גָּמוּר, אין ברכות** (לד:) **און נאָך פלעצער** (בסנהדרין צט.)**,** [ודרשוהו מהפסוק] **שָׁלוֹם שָׁלוֹם ׳לָרָחוֹק וְלַקָּרוֹב׳, זאָגט די גמרא** [דלשון] **רָחוֹק וְקָרוֹב גייט אַרויף אויף בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה,** [וואָס] **ער איז געווען רָחוֹק** [לאחר שחטא] **און ער איז נִתְקָרֵב געוואָרן** [לאחר ששב בתשובה]**, דאָס איז לָרָחוֹק וְלַקָּרוֹב.**

**אַזוי דַרְשֶׁ׳נט די גמרא דאָרט אין ברכות,** [אַז] **דאָס הייסט לָרָחוֹק וְלַקָּרוֹב.**

עב

ולזה דורש כאן במדרש ענין הפסוק אֶשָּׂא דֵעִי ׳לְמֵרָחוֹק׳, על שמו של הקב״ה, שהיינו רחוקים וקרבנו אליו, דבכאן רמוז גם כן ענין התשובה שהוא ההתפכות מחומר לצורה, וכמבואר לעיל

**איבערדעם זאָגט דאָ צי דער מדרש, צו דעם ווי ער זאָגט דאָ קוֹדֶם** [בדרשת הפסוק

---

[סג] **בגמרא ברכות** (לד:) **וסנהדרין** (צט.)**:** אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן, כל הנביאים כולן לא נתנבאו [פירש״י: הטובות והנחמות לישראל] אלא **לבעלי תשובה**, אבל צדיקים גמורים, עַיִן לֹא רָאָתָה אֱלֹקִים זוּלָתְךָ (ישעי׳ סד, ג) [לא נראית ולא נגלית לשום נביא, דאין קץ לדבר]. ופליגא דרבי אבהו, דאמר רבי אבהו, **מקום שבעלי תשובה עומדין שם, צדיקים גמורים אינם עומדין שם** [דגדול כחן של בעלי תשובה, שאין בריה יכולה לעמוד במחיצתם], שנאמר שָׁלוֹם שָׁלוֹם **לָרָחוֹק וְלַקָּרוֹב**, לָרָחוֹק ברישא [שנתרחק מן הקב״ה ואחר כך שב אליו בתשובה], והדר [שלום] לְקָרוֹב [מעיקרא, צדיק גמור, דגדול כחן של בעלי תשובה]. מאי רחוק, רחוק דמעיקרא, ומאי קרוב, קרוב דמעיקרא. ורבי יוחנן אמר לך, מאי רָחוֹק, שהיה רחוק מדבר עבירה מעיקרא [כל ימיו, דהיינו צדיק גמור]. ומאי קָרוֹב, שהיה קרוב לדבר עבירה מעיקרא, ונתרחק ממנו השתא.

[והנה לסברת רבי אבהו רואין שלשון ריחוק קאי על שעת העבירה, ולשון קירוב על שעת התשובה, והרי שלשון התקרבות מורה על התשובה. ומ״מ דברי רבינו הם באופן אחר קצת מדרשת הגמרא, רק הוא כדרשת התיקוני זוהר (בהקדמה דף טז:) וז״ל: ש׳ בָּהּ ׳שָׁלוֹם שָׁלוֹם׳ לָרָחוֹק וְלַקָּרוֹב אָמַר ה׳ וּרְפָאתִיו, לָרָחוֹק שֶׁנִּתְקָרֵב, דְּרָחוֹק קָרוֹב הֲוָה. – וכן הורגל בכמה ספרים קדמונים, להביא פירוש זה **לרחוק שנתקרב**].

KolSatmar.com

אָחוֹר וָקֶדֶם צַרְתָּנִי, אַז] דאָ זעט מען דאָך אַז מ׳קאָן נִתְהַפֵּךְ ווערן .. [ולכן דורש אחר כך על זה הדרך גם את הפסוק] אֶשָּׂא דֵעִי ׳לְמֵרָחוֹק׳, שֶׁהָיִינוּ רְחוֹקִים וְקֵרְבָנוּ אֵלָיו.

[וקאי הן על דור המדבר, וואָס] אידן האָבן געטון תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, נאָכ׳ן חֵטְא הָעֵגֶל, [אשר כל החטא היה רק בכדי] לְהוֹרוֹת תְּשׁוּבָה לָרַבִּים[סד].

[והן בשאר דורות, וואָס] ס׳איז כמה פעמים שוין אַזוי געווען, אַז אידן האָבן פאַרראָכטן [די חטאים] מיט תְּשׁוּבָה.

עג

אַזוי ווי מ׳האָפט [גם לעתיד] ביי בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ, אַז דער מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ - ווי דער רמב״ם זאָגט[סה] - ער וועט מַחְזִיר זיין כָּל יִשְׂרָאֵל בִּתְשׁוּבָה.

מ׳זאָל מיר די זְכִיָּה האָבן דאָס צו דערלעבן.

ווער ס׳וועט דאָס די זְכִיָּה האָבן, דער איד וואָס ער וויל זיין אַ איד, וועט דעמאָלטס אַוודאי תְּשׁוּבָה טון.

עד

ישוב קושיא ה - דְרַשׁ הראשון

אֶפְשָׁר איז דאָס מְרוּמָּז [אויך אין] דער דְרַשׁ [הראשון שבמדרש] פון אברהם אבינו, וואָס ס׳שטייט [אצלו] וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחֹק.

עה

במדרש דרשו בפסוק וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם ׳מֵרָחֹק׳, שראה שעתיד המקום לירחק מבעליו, ולא לעולם, אלא עד שיבא משיח

[דהנה] דער מדרש זאָגט אין מדרש רבה[סו] [בדרשת הפסוק] וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם ׳מֵרָחֹק׳,

---

[סד] כמבואר בגמרא עבודה זרה (ד: ה.): אמר רבי יהושע בן לוי, לא עשו ישראל את העגל אלא ליתן פתחון פה לבעלי תשובה [פירש״י: כלומר גבורים ושליטים ביצרם היו, ולא היה ראוי להתגבר יצרם עליהן, אלא גזירת מלך היתה לשלוט בם, כדי ליתן פתחון פה לבעלי תשובה, שאם יאמר החוטא לא אשוב שלא יקבלני, אומרים לו צא ולמד ממעשה העגל, שכפרו, ונתקבלו בתשובה], שנאמר (ואתחנן ה, כו) מִי יִתֵּן וְהָיָה לְבָבָם זֶה לָהֶם לְיִרְאָה אֹתִי כָּל הַיָּמִים וגו׳ [בסיני נאמר, אלמא גבורים ואמיצי לבב ביראתם היו]. והיינו דאמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי, לא דוד ראוי לאותו מעשה, ולא ישראל ראויין לאותו מעשה. לא דוד ראוי לאותו מעשה [דבת שבע], דכתיב (תהלים קט, כב) וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי [יצר הרע חלל בקרבי ואין לו כח לשלוט בקרבי], ולא ישראל ראויין לאותו מעשה, דכתיב מִי יִתֵּן וְהָיָה לְבָבָם זֶה לָהֶם לְיִרְאָה אֹתִי כָּל הַיָּמִים. אלא למה עשו, לומר לך [גזירת מלך היתה, ליתן פתחון פה לשבים] שאם חָטָא יחיד אומרים לו כלך אצל יחיד, ואם חטאו ציבור אומרים להן לכו אצל ציבור. וצריכא, דאי אשמועינן יחיד, משום דלא מפרסם חטאיה, אבל ציבור דמפרסם חטאיהו [ואיכא חילול] אימא לא [ליתקבלו]. ואי אשמועינן ציבור, משום דנפישי רחמייהו, אבל יחיד דלא אלימא זכותיה אימא לא, צריכא.

[סה] ברמב״ם (תשובה ט, ב): ומפני זה נתאוו כל ישראל נביאיהם וחכמיהם לימות המשיח וכו׳. לפי שבאותן הימים תרבה הדעה והחכמה והאמת, שנאמר (ישעי׳ יא, ט) כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה׳ וכו׳. מפני שאותו המלך שיעמוד מזרע דוד, בעל חכמה יהיה יתר משלמה, ונביא גדול הוא קרוב למשה רבינו, ולפיכך ילמד כל העם ויורה אותם דרך ה׳, ויבואו כל הגוים לשומעו וכו׳.

ועוד ברמב״ם (מלכים יא, ג-ד): ועיקר הדברים ככה הן שהתורה הזאת חוקיה ומשפטיה לעולם ולעולמי עולמים, ואין מוסיפין עליהן ולא גורעין מהן. ואם יעמוד מלך מבית דוד, הוגה בתורה ועוסק במצות כדוד אביו כפי תורה שבכתב ושבעל פה, ויכוף כל ישראל לילך בה ולחזק בִּדְקָהּ, וילחם מלחמות ה׳, הרי זה בחזקת שהוא משיח. אם עשה והצליח ובנה מקדש במקומו וקבץ נדחי ישראל, הרי זה משיח בודאי, ויתקן את העולם כולו לעבוד את ה׳ ביחד שנאמר (צפני׳ ג, ט) כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה׳ וּלְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד.

ועוד שם (יב, ב): יראה מפשוטן של דברי הנביאים, שבתחילת ימות המשיח תהיה מלחמת גוג ומגוג, ושקודם מלחמת גוג ומגוג יעמוד נביא לישר ישראל ולהכין לבם וכו׳.

[סו] בבראשית רבה (נו, ב) [על הפסוק וירא את המקום מרחוק]: אמר רבי יצחק, עתיד המקום לירחק מבעליו. ולעולם?

KolSatmar.com

עָתִיד הַמָּקוֹם לְהִתְרַחֵק מִבְּעָלָיו. אברהם אבינו האָט געזען דעם פּלאַץ וואו ער איז געגאַנגען מַקְרִיב זיין יצחק אויף דער עֲקֵידָה, האָט ער געזען [אַז] עָתִיד הַמָּקוֹם לְהִתְרַחֵק מִבְּעָלָיו.

זאָגט דער מדרש ווייטער, האָט ער געפרעגט [וכי] טאַקע ס'איז נִדְחֶה לְעוֹלָם חָלִילָה? זיי וועלן אייביג נִתְרַחֵק ווערן? האָט מען אים געענטפערט **שְׁבוּ לָכֶם פֹּה עִם 'הַחֲמוֹר'**, עד שיבוא [מי שכתוב בו] **עָנִי וְרֹכֵב עַל חֲמוֹר** (זכרי' ט, ט). **ביז דעמאָלטס** וועט עס נִתְרַחֵק ווערן, און דערנאָך וועט עס צוריקקומען.

עו

הרי מבואר בזה גם כן ענין ההתחלפות והתהפכות שבקדושת המקום, שתלוי לפי המעשים והזכותים. ואם כן גם זה מענין הפרשה, דמיירי מענין ההתפכות שבין טמא לטהור, ובין נגע לעונג

איז דאָך מְבוֹאָר דאָרט אין מדרש, אַז **דעמאָלטס** וועלן אידן צוריקקומען אֶל אַדְמָתָם, ווען דער מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ וועט קומען עִם הַחֲמוֹר, [אָבער] **ביז דעמאָלטס** וועט זיין דעס הִתְרַחֲקוּת מִבְּעָלָיו, ביז צום מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ. און נאָר דעמאָלטס, אַנדערש נישט, אַנדערש איז נישטאָ קיין הִתְקָרְבוּת הַגְּאוּלָה, און הִתְקָרְבוּת פון קיין שׁוּם יְשׁוּעָה. [וההשבה] לְאַרְצֵנוּ איז **נאָר דורכן מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ** וועט צוריק קומען דעס הִתְרַחֲקוּת וואָס ס'איז נִתְרַחֵק געוואָרן מִבְּעָלָיו. נאָר אויף אַזאַ'ן אוֹפֶן, ווען ס'וועט זיין רוּחַ הַטוּמְאָה יַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ.

עז

[און] אַזוי זענען די נְגָעִים [שבהמשך הפרשה], אין **פְּנִימִיּוּת** ווייזט דאָך עס אויף די אוּמּוֹת, [וואָס] זיי זענען שׁוֹלְטִים [על הארץ בזמן הגלות]. און **לֶעָתִיד** וועט זיין **'וְהָיָה' בְעוֹר בְּשָׂרוֹ לְנֶגַע צָרַעַת וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן**, דערנאָך וועט זיך אויסלאָזן [אַז] **רוּחַ הַטוּמְאָה יַעֲבִיר מִן הָאָרֶץ** [און דעמאָלטס] וועט זיין דעס **הִתְקָרְבוּת** [המקום לבעליו, ווייל] ס'וועט איבערגעטוישט ווערן [שיחזור ויתחלף אז מה שעתה נתחלף הארץ עם רצועת ארץ העמים].

[און] **ביי אידן** וועט זיין [אַן התחלפות] פון **נֶגַע עֹנֶג**, און **אַ יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת**. ס'וועט זיין פון נֶגַע עֹנֶג, ס'וועט **נִתְהַפֵּךְ ווערן** [הכל לטובה בתשובה שלימה, וממילא] וועט פאַרראָכטן ווערן [כל החטאים ופגמים].

עח

איבערדעם זאָגט ער [בדרשת הפסוק] **אֶשָּׂא דֵעִי לְמֵרָחוֹק, 'מְחַשְּׁבִין' אָנוּ לִשְׁמוֹ שֶׁל אַבְרָהָם** זאָגט דער מדרש, **שְׁמוֹ שֶׁל אַבְרָהָם שֶׁנֶּאֱמַר בּוֹ וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחֹק. דָּבָר אַחֵר מְחַשְּׁבִין אָנוּ לִשְׁמוֹ יִתְבָּרֵךְ, שֶׁהָיִינוּ רְחוֹקִים וְקֵרְבָנוּ לוֹ.**

זאָגט דער מדרש די ביידע [דרשות, ווייל] די ביידע זענען הָא בְּהָא תַּלְיָא. מ'זאָל 'רעכענען' וואָס ס'וועט זיין ביי דעם **וַיַּרְא אֶת הַמָּקוֹם מֵרָחֹק**, וואָס מ'האָט אים געוויזן [לאברהם אבינו כי] עָתִיד הַמָּקוֹם לְהִתְרַחֵק. איז די עֵצָה **מְחַשְּׁבִין אָנוּ לִשְׁמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא**, [שֶׁהָיִינוּ] **רְחוֹקִים וְקֵרְבָנוּ אֵלָיו**, [וכמו שהיה בחטא העגל שעשו תשובה, און] דאָס איז געווען **לְהוֹרוֹת תְּשׁוּבָה**.

---

תלמוד לומר (תהלים קלב, יד) זֹאת מְנוּחָתִי עֲדֵי עַד פֹּה אֵשֵׁב, **לכשיבא אותו שכתוב בו עָנִי וְרֹכֵב עַל חֲמוֹר.**

KolSatmar.com

[וכן יהיה לעתיד] אַזוֹי ווי דער **רמב"ם** זאָגט[סז] **אֵין יִשְׂרָאֵל נִגְאָלִין אֶלָּא בִּתְשׁוּבָה**[סח].
דאָס איז די תַּקָּנָה פון [דעם] **עָתִיד הַמָּקוֹם לְהִתְרַחֵק מִבְּעָלָיו.**
איז דאָס הָא בְּהָא תַּלְיָא.

עס

האָט דאָס דער מדרש אַהערגעשטעלט דאָ אָט ביי די פַּרְשָׁה [תזריע, דמיירי בהמשך הפרשה] פון די נְגָעִים, און [העמיד המדרש זה] שוין תֵּיכֶף [ביי] **אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ** [וואָס] דאָס ווייזט דאָך אויך אויף דעם, אויף תְּשׁוּבָה, [אַז] מ'ווערט נִתְהַפֵּךְ פון טָמֵא אויף טָהוֹר, ס'איז [נעשו] זְדוֹנוֹת כִּזְכֻיּוֹת. און דאָס איז די זעלבע ביי די נְגָעִים.

[וענין ההתפכות לטובה] דאָס ווייזט אויף דעם, אויף די כּוֹחוֹת הַתְּשׁוּבָה, און דאָס ברענגט די גְאוּלָה, דאָס קאָן ברענגען דעם 'חֶשְׁבּוֹן' וואָס מ'האָט **לִשְׁמוֹ שֶׁל אַבְרָהָם** [שכתוב בו] **שֶׁעָתִיד הַמָּקוֹם לְהִתְרַחֵק מִבְּעָלָיו**, און דעס 'הִתְקָרְבוּת' [המקום לבעליו] קען נאָר זיין אויף אַזאַ'ן אופן, [אַז] מ'זאָל 'נִתְקָרֵב' ווערן מיט תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, וואָס מ'איז מַרְבֶּה מיט תְּשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, און מיט תּוֹרָה און מיט תְּפִלָּה פאַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, [וכדרש השני שבמדרש] **לִשְׁמוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.**

פ

## ברכת הקודש

איבערדעם איז טאַקע די הייליגע טעג, די יְמֵי נִיסָן.
בְּנִיסָן נִגְאֲלוּ וּבְנִיסָן עֲתִידִין לְהִגָּאֵל (ראש השנה יא.).
דאָס זענען די יָמִים הַמְּבֹרָכִים, וואָס זענען אָנגעגרייט לִגְאֻלָּתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל.

הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יְזַכֵּנוּ, מ'זאָל מיר זוֹכֶה זיין [עס] צו זען, און צו דערלעבן.
מ'זאָל מיר זוֹכֶה זיין נאָך צו טון תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה פאַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.
און היצט אין די יְמֵי הַשִּׂמְחָה, זאָל מיר קאָנען דינען דעם באַשעפער בְּשִׂמְחָה וּבְנַחַת. מ'זאָל נִתְקָרֵב ווערן צו הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם.

מ'זאָל מיר זוֹכֶה זיין בִּמְהֵרָה, צו זען די יְשׁוּעָה שְׁלֵימָה.
און טאַקע שוין, אין 'די' חֳדָשִׁים. אין דעם חוֹדֶשׁ וואָס ס'איז מְסוּגָּל דערצו.
מ'זאָל מיר זוֹכֶה זיין בִּמְהֵרָה צו זען יְשׁוּעַת כָּל יִשְׂרָאֵל וְשִׂמְחָתָן, בְּהִתְגַּלּוּת כְּבוֹד שָׁמַיִם עָלֵינוּ, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

---

[סז] **ברמב"ם** (תשובה ז, ה): כל הנביאים כולן צוו על התשובה, **ואין ישראל נגאלין אלא בתשובה. וכבר הבטיחה תורה שסוף ישראל לעשות תשובה בסוף גלותן, ומיד הן נגאלין, שנאמר** (נצבים ל, א-ג) וְהָיָה כִּי יָבֹאוּ עָלֶיךָ כָּל הַדְּבָרִים וגו' וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ, וְשָׁב ה' אֱלֹקֶיךָ וגו' [וְקִבֶּצְךָ מִכָּל הָעַמִּים].

[סח] ואף שדברי הרמב"ם הם מלשון הגמרא, הזכיר רבינו זה בשם הרמב"ם. כי בגמרא יש שם ב' דיעות, והרמב"ם פסק כמאן דאמר שאין ישראל נגאלין אלא בתשובה. ועיין בזה באורך **בויואל משה** (א, מ-מב).

KolSatmar.com